# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יארגאנג נו. 9 העפט 104 סעפטעמבער 1948 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט:

די אלגעמיינע פארזאמלונג פון „פריינט פון יידיש לשון"
און דער יידישער קולטור־קאנגרעס אין אמעריקע............** 1
די צילן און אויפגאבן פון אלוועלטלעכן יידישן
קולטור־קאנגרעס............ל. סיגאל 6
ווען די פאקשיוועס בליען (באלאדע און לידער)........א. נ. שטענצל 11
„בונטאוטשיקעס (קאפיטל פון ראמאן)...........זאנוול דיאמאנט 16
משיח'ס נסיעות און נסיונות (די קארסעטן שטאט, דאס קארסעטן ליד,
קאפיטלעך פון דער פאעמא)..................משה עובד 22
די וואס ווילן זיך נישט צוריקקערן (אלדד און מידד).......לעא קעניג 26
רבי אמנון (פאעמא)........................יוסף הלל לעווי 29
די קאטאסטראפע־יארן פון ת"ח ות"ט..........דר. יעקב מיטלים 34
רעגנבויגנס (פאעמא)........................ס. פאלמע 38
דאס אנטרינען פון יאסנע פאליאנע (המשך)........אדאלף רודניצקי 40
בערלין—מאסקווע—ירושלים (המשך)..........אליהו פאלושאק 44
העברעאישע דיכטער אין די רייען פון מיליטער אין „מדינת ישראל"
(א בריוו פון א"י־פראגט)....................ש. ערנסט 48
דער שליח ציבור פון דער אלטער היים...........רעוו. חזן א. גאטליב 53
1. אין אנדענקען פון פרץ הירשביין, 2. יוסף בולאוו און ליובא קאדיסאן
אין „יאשקע מוזיקאנט", 3. די קינדער פון פאריז — אין „די
שניידערלעך", 4. צו דער פאריזער „אונזער שטימע"........ש.
פרץ מארקיש און „דער קעניג פון לאמפעדוסע".........ש. י. דארפזאן 60
טעאטער ידיעות.............................א. ה. 62
דיכטער־געסט אין ווייטשעפל (באריכט)..........א. ב. 63
אן אונטס פון הומאר און געלעכטער.................א. 63
מיטטיילונגען איבער די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס..........64

**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנענטס־פרייז:—19/6 פאר א יאר
אין אויסלאנד:—5 דאלאר א יאר
1/9 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן E. 1.

„ירושלים" פון א. נ. שטענצל
א בוך פון 140 זייטן לידער פאעמעס באלאדעס
**פרייז: 7/6**
צו באקומען אין אלע בוכהאנדלונגען

„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער
די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראפע.)

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY
CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels
26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street, W.C.1

שיקט לשנה טובה באגריסונגען פאר די קומנדיקע נומערן

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

מיר דריקן אויס אונזער טיפן צער צום פארלוסט פון אונזערע צוויי גרויס שרייבער, די מיט־בויער פון אונזער יידישער ליטעראַטור:

**פּרץ הירשביין** און **ל. שאפּירא**

עס איז אַן אבידה שאינה חוזרת.

„לשון און לעבן".
און פריינט פון יידיש לשון.

## דאנערשטאג, דעם 16־טן סעפּטעמבער, 1948

### ווערט אין ניו יאָרק געעפנט

## דער אלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאנגרעס

דאָס וועט זיין אַ זער וויכטיקע יידישע קולטור־געשעעניש. אין קאָנגרעס וועלן אנטייל נעמען פאָרשטייער פון די וויכטיקסטע לענדער אין איירָאָפּע. עס קומען אויך אַ צאָל קולטור־טוער פון די פליטים־לאַגערן. עס קומט אויך אַ גרעסערע דעלעגאציע פון אַ ריי לענדער אין צענטראל און דרום אַמעריקע, ווי אויך אַ דעלעגאציע פון וייטן דרום אפריקע און אויסטראַליע. פון ארץ ישראל וועלן זיך באַטייליקן דעלעגאציעס פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים און פון העברעאישן שרייבער־פאַריין אין תל אביב.

די וויכטיקסטע פראגן, וואָס וועלן באַהאַנדלט ווערן אויפן קולטור־קאָנגרעס זיינען: יידישע דערציאונג, מצב פון יידישן ביכער־מארק, פּראָפּאַגאנדע פון יידיש און יידישער קולטור, יוגנט, יידישע פרעסע, באַערונג פון די אומגעקומענע קדושים, יידישע וויסנשאפט, דאָקומענטאציע, יידישע מוזיק, פלאסטישע קונסט, יידישע ליטעראַטור, טעאַטער און דראַמאַטישע קרייזן און אלוועלטלעכע יידישע קולטור־אָרגאניזאציע.

בעתן קאָנגרעס ווערט געעפנט אַ יידישע קונסט־אויסשטעלונג, וואָס וועט דויערן 4 וואָכן. אין איר נעמען אנטייל איבער 40 פון די באַקאַנטסטע יידישע מאלער, סקולפטאָרן און גראַפיקער פון אַלע קונסט־ריכטונגען. נאָכן קאָנגרעס וועלן פאָרקומען קאָנפערענצן פון לערער, זשורנאליסטן און באַזונדערע באַראַטונגען מיט דעלעגאטן פון אייראָפּע און פון לאטיין־אַמעריקאַנער רעפּובליקן.

**קאנדידאטן פארן קאנגרעס** זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אין לאָנדאָן, פון שרייבער און זשורנאַליסטן פעראיין, פון פריינט פון יידיש לשון, פון בן אורי, פון ייווא. דער קאנדידאט פון בן אורי, י. פּאַמעראַנץ, איז שוין אָפּגעפאָרן. דער קאנדידאט פון ייווא, דר. יעקב י. מייטליס, האלט ביים פאָרן. מיר, ווי דעם קאנדידאט פון „לשון און לעבן" האָט דער אַמעריקאַנישער קאָנסולאַט „געקאנסלט" די וויזע, וועלכע איך האָב שוין געהאַט אויף מיין פּאַס. כאָטש דער פערלאג פון „לשון און לעבן" די „נאַראָד פּרעס" האָט געוואָלט גוט זאָגן פאר מיר מיט 1.000 פונט.

די געלאַדענע געסט צום קאָנגרעס זיינען כרמל נאַראָדיצקי (פונם פערלאג און דרוקעריי נאַראָד־פּרעס, ברידער נאַראָדיצקי) און א. מייזלס.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יאָרגאנג נו. 9 | העפט 104 | סעפּטעמבער 1948 לאָנדאָן

## די אלגעמיינע פארזאמלונג פון „פריינט פון יידיש לשון" און דער יידישער קולטור־קאנגרעס אין אמעריקע

1

נאָכדעם ווי אַ האַלבער טוץ לאָנדאָנער קולטור־פאריינען „דע יורע" און „דע פאַקטאָ" זיינען צוריקגעקומען אָנגעפילטע מיט באַגייסטערונג פונם פּאַריזער קולטור־קאָנפערענץ און יעצט ווי אַ האַלבער טוץ „דע יורע" און „דע פאַקטאָ" קולטור אינסטיטוציעס שטייען מיט פולע רייזע טאַשן אָפּצופליען קיין ניו־יאָרק צום קולטור־קאָנגרעס, אין דעם בין המצרים, צווישן רוישיקע קולטור באַגייסטערונגען, פראַוועז מיר „פריינט פון יידיש לשון", אונזער שטילע אַלגעמיינע פארזאמלונג.

דאָס ממשותדיקע, וואָס די דעלעגאַטן האָבן אונז אַהיימגעבראַנגט פונם פּאַריזער קאָנגרעס, זעט זיך דערווייל נאָך נישט אָן אויף דער יידישער גאַס — אַחוץ, אַז די דעלעגאַטן פון ארבעטער־רינג, די דעלעגאַטן פון דער געזעלשאפט „פּאַריזער פריער פרעסע" און די רעדאַקטאָרן פונם „זשואיש קלעריאָן" האַלטן געהיימע סעסיעס צווישן זיך ווי אַזוי צו פּאַרבאָפּן די ענגליש־יידישע קולטור טעטיקייט פון „באָרד אָף דעפּיוטיס", פון די „זשואיש פעלאָס" און די אַלע ליטעראַרישע יוגנט קלאָבס און דערציאונג אַנשטאַלטן בלע״ז און זיי זאָלן אָנגיין מיט דער טעטיקייט — אַרויסשליידערן די בורזשואַזע ווי־הייסטמעס פון זייערע בענקלעך און זיי באַזעצן מיט פּראָלעטאַרישע. דאָס גייט אָבער אונז „פריינט פון יידיש לשון" לגמרי נישט אָן. זיכער גלויבן מיר און מיר זיינען זיכער אַז אונזער יידיש־מערכה וועט דעמאָלט אויך זיין אַ בעסערע.... אָבער ווי זאָגט יענע יידענע: איידער ס'וועט קומען די נחמה וועט דערווייל אויסגיין די נשמה. און מיר פון פ.פ.י.ל. האַלטן דוקא פון אַזוינס וואָס הייסט נשמה... יידישע נשמה!

קומט דאָך נישט אַנדערש אויס ווי צו האָפן, אַז די פּאַרערס איצט, — מיט גאַלע גוטס פון „מיניטס" און צוקונפט־פּלענער פולע געשטאָפּטע רייזע טאַשן, די קולטור־אינסטיטוציעס וועלן דאָרטן אויספּאַקן זייער ביסל „גודס" און כאָטש צוריקקומען מיט ליידיקע רענצלעך...

אַזוי אָדער אַזוי, „לנו או לצרינו", ס'איז שווער אין אַזאַ בין המצרים צו פראַוועז אַן אלגעמיינע פארזאַמלונג פאר אַן אינסטיטוציע, וואָס זי פאַרמאָגט צומאָל נישט קיין אייגן רייזע־רענצל, און וואָס זי האָט יאָ, איז עס אָפּגעפּאַקט מיט צרות, מיט יסורים, מיט האַרץ־קלעמעניש און דאָס ערגסטע פון אַלעם — מיט חובות איבער די אויערן!

מיר ברויכן אָבער ביי זיך נישט אַראָפּצופּאַלן, — ווען כ'זאָג מיר, מיין איך נישט נאָר דעם פעראיין פון „פריינט פון יידיש לשון“, נאָר אַלע באמתע פריינט פונם יידיש וואָרט און פון יידישע קולטור, — אונזער לאַגע איז חלילה מיט גאָרנישט געפאַלענער פון די אַנדערע יידישע ישובים פון אייראָפּע, מיט דעם אונטערשייד, אפשר יאָ, אויף וויפיל אַן עני חשוב גייט עס ערגער פון אַן אַנדערן אָפּענעם אָרימאַן.

אין אַנדערע יידישע ישובים, אַז ס'פעלט אויס אויף קולטור הצטרכותן, אַז אַן אינסטיטוציע איז שלעכט־אָפּ, ווייסט מען וואו אַ טיר האָט אַ קלאַמקע, וואו דער רייכער פעטער פון אמעריקע וואוינט. פעלן אויס אַפילו אין אַמע־ריקע? זאָל אויך אַ קולטור־אינסטיטוציע, אַ צייטונג, אַ זשורנאַל, אַן אויס־געמוטשעטער יידישער שרייבער אַן הנאה האָבן דערפון, נישט נאָר די אַפּי־סערס און די אַפּיל־דירעקטאָרן — ס'איז נישט וויניקער ווי רעכט!

דאָס רייכן ענגלאַנד, וואָס האָט אַליין גענוג זיינע אַפּיל־דירעקטאָרס און אַפּיסערס, סטייעט עס מסתם נאָר פאַר זיי אַליין, פאַר די דירעקטאָרס און אַפּיסערס... אַזוי רייך איז מען דאָך סוף כל סוף נישט, אַז ס'זאָל נאָך אויך אַראָפּפאַלן פאַר „יידיש קאַלטשער און ליטעראַטשור“.

איך וואָלט עס נישט דערמאָנט, דאָס אַנגעווייטיקטע, דעם שלעכטן פונקט, וואָס רירט אָן נישט נאָר אונזער אייגענער אָרעמקייט אַליין... אָבער אָרויסצו־קומען פון שפלות־קאָמפּלעקס מוז מען אָנרירן אַ געשווילעכץ דווקא אינם ווייאַיקסטן פונקט, איינמאָל פאַר אַלעמאָל כדי פּטור צו ווערן דערפון.

און ווידער, אַז די מלוכה זאָל אונז העלפן, — ווי עס געשעט אין אַלע סאָציאַליסטישע שטאַטן! — איז דאָך דאָס אַן אויפגאַבע פון אַ סאָציאַליסטישע גרופּע. און אונזער סאָציאַליסטישע גרופּע דאָ אין לאָנדאָן האַלט אַפּנים פאַר אַ וויכטיקערע אויפגאַבע אַרויסצולאָזן דעקלאַראַציעס, מכוח עפּעס אַ „פּאַלעס־טינע“ דאָרט, אַ לאַנד פון העברעער, וואָס זאָל זיין אַ שטיצע פאַר זייער ברוי־דער־פעראיין, דעם ענגלישן בעווין־סאָציאַליזם, אידער באמת צו פאָדערן פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַט הילף פאַר יידישע קולטור טעטיקייט — סוף כל סוף איז נאָך דאָ אין מלכות ענגלאַנד אַ ישוב פון צענדליקער טויזנטער יידן וואָס ריידן נאָך און פאַרשטייען נאָך יידיש.

טויזנטער, וואָס זייער איינציקע שפּראַך איז נאָר יידיש — אַז אַן אָרע־מער ראַדיאָ־שעה, די מינדסטע הנאה פאַרן אָרעמסטן מענטש, און די קליינ־סטע הוצאה וואָס וועט אַ מלוכה קאָסטן. דאָס מוז דאָך אַ מלוכה אַליין פאַר־שטיין אויב זי איז באמת אויפן וועג צום סאָציאַליזם... און די יידישע יוניאָנס אין ענגלאַנד עקזיסטירן דאָך נישט — מ'האָט זיי בידים צעבראָכן! און דער אַרבעטער רינג ווי אַ יידישער כוח, וועט באַלד צומאָל אויפהערן אַפילו אויפן ריין „סאָסייעטי“־געביט. טאָ צו וועמען זיך ווענדן אין דעם וויכטיקן ענין?

דעריבער גלויב איך אַז אונזער אויפגאַבע, די אויפגאַבע פון פ.פ.י.ל. מוז יעצט זיין אַ פּראַקטישע; און דאָס זאָל זיין די איינציקע און וויכ־טיקע אויף אונזער סדר היום: נישט מער לעבן פון האַנט אין מויל, — וואָרים



ווי לאַנג קאָן מען דאָס נאָך אויסהאַלטן, ווילאַנג קאָן מען זיך שניידן אין פלייש אריין, ווילאַנג קאָן מען קנייפּן אין באַק, מיר זעען דאָך ווי אונזערע שוואַכע כוחות פאַלן און ווערן קלענער פון טאָג צו טאָג.

און אונזער אַרבעט איז שוין אַזאַ, — אין וויכטיקייט, אין פאָרמאַט, אין אַנגעזעענקייט דאָ אין לאַנד און מעבר לים, — אַז אויב מיר וועלן נישט טראָגן די אחריות פאַר ווייטערע אַרבעט, וועלן מיר זיין די שולדיקע: אם לא עכשיו אימתי, אם אין אני לי מי לי.

איז אויב מיר גיין צום קולטור־קאָנגרעס, זאָל מיר דאָרטן קלאָר לייגן, אונזער לאַגע און אויך די לאַגע פון אונזער ישוב דאָ, און פאָדערן מיט־הילף און אויב מיר באַשליסן דאָך אָנצוגיין מיט אייגענע כוחות פון דאָ, — ווי עס איז אויך חשובותדיקער און ריכטיק, — זאָלן מיר אויסשטעלן אַ מעמאָראַנ־דום צו דער מלוכה דאָ און פאָדערן מלוכה־אונטערשטיצונג פאַר דער יידישער קולטור אַרבעט אויף דער יידישער גאַס.

אויב מיר וועלן זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף די פּאָליטישע קאָניוקטור מאַכערייקעס און אויף דעם אונטער־קוליסן געטומל פון טונקלע און אפילו שעדלעכע פאַרשוינען, וועט עס באַלד ווערן צו שפּעט. און די גאַנצע קולטור אַרבעט דאָ פונם ישוב וועט נישט נאָר ווערן נאָך אָרעמער און דערדריקטער, נאָר שוין ווערן אינגאַנצן ללעג ולקלס, צו שאַנד און צו שפּאָט אויף די שאָדן־פרייד פון אָט די טונקלע און שעדלעכע פאַרשוינען.

יאָ, ס'איז אַ מין רעוואָלוציע וואָס מיר האָבן אַרויסצורופן און אדורכצו־פירן אין יידישן שטילן און אין קולטורעלן צוריקגעשטאַנען יידיש קולטור־לעבן אין ענגלאַנד... אָבער מיר האָבן זיך נישט וואָס צו שרעקן, אויב מיר וועלן זיך נאָר נעמען דערצו וועלן מיר עס שוין אַדורכפירן, וואָרים איז דען נישט אונזער טעטיקייט דאָ די לעצטע יאָרן, נישט די גרעסטע רעוואָלוציע אין אונזער ישוב דאָ אין לאָנדאָן.

מיר מוזן נאָר אָנהויבן, מאַכן דעם ערשטן שריט און ווען אַפילו עס זאָל זיין אַ שריט אויף צוריק אין אונזער אייגענער און אייגענטלעך אַרבעט, קאָן עס אָבער ווערן, מיט דער צייט, מיט צוויי שריט פאָרויס.

## 2

דער קאָנגרעס פאַר יידישער קולטור קומט פאָר אין אמעריקע, אין א לאַנד פון 5,000,000, כן ירבו, אין א לאַנד, וואָס האָט די אַטאָם באָמבע אין איר האַנט.

יאָ, אויב די וועלט וועט אונטערגיין פון דער אַטאָם־באָמבע, אויב מיר יידן וועלן אונטערגיין אינם תהום פון אונזער בראָך? די פראַגע לאָזן מיר פאַר דער אייביקייט! נאָר אויב יידיש וועט נישט געפלעגט ווערן, קולטיווירט ווערן — גייט דער 5,000,000 ישוב, אַלס אַזעלכער ווי אַ יידיש גערעדנער, מסתמא אונטער.

זיכער וועט בלייבן א רעליגיעזע קהילה, ייבא"ט וועלן די 5000000 יידן פון זיך אויסשיידן א הונדערט, אָדער א צוויי הונדערט טויזנט פארן ישוב אין

ארץ ישראל, אָבער מיטן רעשט וועט נאָך זייין אַ גרעסערע פליטה ווי מיטן אייראָפּעאישן יידנטום. פון די לעצטע זיינען כאָטש געבליבן קדושים, מ'ווייסט זיי ווי צו זוכן, אין קרעמאַטאָריומס, אין גאַז קאַמערן, אינם רויך — אַ גרויס פאָלק איז אין אַ שלעכטער וועלט אויסגעטיליקט געוואָרן און געלאָזן נאָך זיך אַ גרויסע קולטור, אַ שפּראַך, אַ ליטעראַטור.

אַז דאָס אַמעריקאַנישע יידנטום וועט חלילה פאַרקומען, וואָס וועט פון זיי בלייבן, אַפילו קיין שטויבעלע אַש — ס'וועט זיין „גאָן מיט דעם ווינד"! דאָס ביסעלע געבליבענע קולטור, די ירושה צומאָל פאַרטאַכלעוועט, פאַר־בלאָפט. די 5.000.000 קאָנען שוין קיין אייגענעם „זשאַרגאָן" צומאָל נישט שאַפן — אַ ליים, צו מאַכן פון אים אַזאַ הערלעך געפּס, וואָס פּאַסט אונז אַרום, מיט וועלכן מיר האָבן זיך אַליין משיג געווען.

אַזעלכע 1000 יאָר וואָס מאַכן פון געטריבענע גלות מענטשן אַ פאָלק, קאָן מען מיט אַלע מיני תחבולות נישט מאַכן. יעצט לעבן מיר אין אַן עפּאָכע פון צוואַנגס־שולעס — אין צוואַנציק יאָר האָבן דורות אויסגעלערנט די לאַנ־דעס שפּראַך — — —

יאָ, מיר האָבן יעצט אַ אַן אייגענע יידישע מלוכה, וואו די צוואַנג שפּראַך איז העברעאיש! אָבער אַז די מלוכה זאָל געגרינדעט ווערן און זי זאָל בלייבן באַשטיין, און ווי אַ קולטור־שטאַט — נישט ווי עפּעס אַ „פּופּעט"־שטאַט פון יידישע זעלנערלעך — פון יידישן חיל, אויסמושטירטע אין „היברו".

קודם כל איז יידיש נאָך אונזער טעריטאָריאַל, אונזער פּיצעלע ערדיש־קייט מיט וואָס די יידישע אַרמיי זאַמלט זיך — יידיש איז נאָך די איינ־ציקע „דע פאַקטאָ" פאַרבינדונג פון 90 פּראָצענט פון אונזער פאָלק.

אָבער אַ חוץ דעם: נאָך צוויי טויזנט יאָר געלייטערטע און געהייליקטע אין גלות מיט תנאים־אמוראים, גאונים און חוקרים, בעלי־קבלה און חסידים, משכילים און יידישיסטן — אַ קולטור פאָלק פון 18 מיליאָן! — וואָס מיר זיינען געווען, זאָל בלייבן אַ קליין פעלקל פון 2 מיליאָן וואָס לעבט אויף דער שווערד.

דערווייל איז נאָך יידיש דאָס ליים פון וואָס יידישע קולטור שאַפט זיך, דער אויסגעברענטער ראַדיום צומאָל ווען עס שאַפט זיך אין העברעאיש, אָדער אין אַנדערע שפּראַכן. יידיש הייסט נישט, אין יידיש אין יידישער שפּראַך — יידיש איז יידיש לעבן! אין העברעאיש און אין אַנדערע שפּראַכן, — אַפילו שוין ווען אַ צווייטער דור, אַ געבוירענעם אין דער שפּראַך, — איז עס אַלץ נאָך לעקסיקאַניש! און העברעאיש מוז נאָך אַלץ געהייליקט ווערן מיט אונזער יידישלעכן וועלטלעכקייט אוןווירקלעכקייט אַזוי, אַז דער שע־פערישער שטראָם זאָל כהרף־עינדיק קאָנען אַרבעטן מיט גלייכצייטיקער ווירקונג און געגנווירקונג.

דער עיקר אָבער וואָס יידיש טאָר נישט אונטערגיין, טאָר נישט פאַר־נאַכלעסיקט ווערן, ווייל יידיש איז נישט אַליין, אונזער גורל, דער גורל פון יידיש שאַפן יידישע קולטור — יידיש איז דער גורל פונם מענטש! פון די



מענטשהייט! יידיש איז דאָס האַרץ פון דער וועלט — —

און אַ סך גורלדיקער וועט עס זיין פאַר מענטש, ווען דאָס אַמעריקאַנישע יידנטום לאָזט אַרויס יידיש פון האַנט, ווי ווען דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק לאָזט אַרויס די אַטאָם באָמבע פון איר האַנט — — —

ווען דער טאָג פון משפּט וועט קומען און מען וועט משפּטן, נישט נאָר די גויים פאַר דעם וואָס זיי האָבן אונז אָפּגעטון, אונז דעם יידישן פאָלק, נאָר אַלע פעלקער, וואָס זיי האָבן מיט זיך געטון, איינער מיטן אַנדערן, זיך אויס־געקוילעט, דערנידריקט, דערדריקט — — וועט גאָט אַליין דעמאָלט אַראָפּ־גיין פון זיין משפּט־שטול און זיך זעצן אויפן כסא־של־רחמים און מיט אַ גרויס דערבאַרעמונג צו זיך אַליין שוין וועט ער זאָגן צו אַלע מענטשן: זעט אויף דער פינסטערער ערד וואָס איך האָב באַשאַפן, צווישן די שלעכטע פעל־קער, וואָס איך האָב באַשאַפן, איז דאָך מיין יידיש פאָלק דאָס ערגסטע און דאָס פינסטערסטע, אַפילו זיינע אייגענע נביאים האָבן דאָך אַלדעסבייזטע אויף אים אויסגערעדט. — אָ, וואָס דאָס פאָלק דענקט איבער זיך אַליין, און די רכילות וואָס עס רעדט אויס איבער זיך אַליין, ווערט דאָך ממש פינסטער אין די אויגן, — אַן עם בזוי ומבוזה! אַ גלות פאָלק, וואָס דאָס גלות אַפילו האָט עס שוין אויסגעשפּיגן. און זעט די שיינקייטן וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן, דאָס פינס־טערסטע פאָלק, אויף דער פינסטערער ערד, — דאָס לעמעלע צווישן אַזויפיל וועלף!

אין גלות, צווישן נויט און יסורים, צווישן אויסראָטונג און פאַרטיליגונג, צווישן שנאה און קנאה — עס האָט דאָך געמוזט זיין עפּעס אַ געהיימע ליב־שאַפט צווישן אייך אַלע — צווישן אַלע פעלקער אויף דער וועלט, אַז דאָס האָט געקאָנט געשען!

יידיש אַליין שוין, די שפּראַך, אַליין שוין, דער ליים די ציגל צוקנעטן און ערשט אַזאַ פּתאום־ורעמסס־געביידע אויפשטעלן ווי די יידישע ליטעראַטור — נישט נאָר שטרוי האָט מען געמוזט האָבן צו דעם ליים, נאָר אַלע תבואה פעלדער פון אַלע לענדער — ס'ברויט פון אַלע פעלקער!

און די וואונדערלעכע ספינקסן וואָס קוקן אַרויס פון דעם געוואַלטיקן תוהו ובוהו פון וואו מען האַלט ערשט ביים בראשית: מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם, אַש, בערגעלסאָן, אָפּאַטאָשו און ערשט די הערלעכע קלאַסישע דיכטונג, די יונגע אין פּראָזע און אין פּאָעזיע און די יונגסטע פון די יונגסטע — אין די גאַנצע וועלט ווו נאָר יידן זיינען, אין יעדן מקום אין די קעמפּס, אַפילו אין ווייסטן לאָנדאָן.

ווי גוט די פעלקער זיינען, ווי ווויל זיינען די מענטשן, אַז אַזוינס האָט געקאָנט געשען, אַז אַזוינס געשעט נאָך, אַז אַזאַ שיינקייט שאַפט זיך צווישן זיי! נאָך צווישן די נידריקסטע פון די נידריקסטע, צווישן די דערדריקטסטע.

דאָס איז יידיש! און אין די הענט פונם 5000000 אַמעריקאַנישן יידנטום ווי די אַטאָם־באָמבע אין די הענט פונם אַמעריקאַנישן פאָלק — עס ליגט גרויס אחריות אויף די אַמעריקאַנישע שטאָטן, אַז די געשיכטע זאָל זיי

ארץ ישראל, אבער מיטן רעשט וועט נאך זיין א גרעסערע פליטה ווי מיטן איראפעאישן יידנטום, פון די לעצטע זיינען כאטש געבליבן קדושים, מ'ווייסט זיי ווי צו זוכן, אין קרעמאטאריומס, אין גאז קאמערן, אינם רויך — א גרויס פאלק איז אין א שלעכטער וועלט אויסגעטיליקט געווארן און געלאזן נאך זיך א גרויסע קולטור, א שפראך, א ליטעראטור.

אז דאס אמעריקאנישע יידנטום וועט חלילה פארקומען, וואס וועט פון זיי בלייבן, אפילו קיין שטויבעלע אש — ס'וועט זיין „גאן מיט טהע ווינדן" דאס ביסעלע געבליבענע קולטור, די ירושה צומאל פארטאכלעוועט, פארבלאפט. די 5.000.000 קאנען שוין קיין אייגענעם „זשארגאן" צומאל נישט שאפן — א ליים, צו מאכן פון אים אזא הערלעך געפס, וואס פאסט אונז ארום, מיט וועלכן מיר האבן זיך אליין משיג געווען.

אזעלכע 1000 יאר וואס מאכן פון געטריבענע גלות מענטשן א פאלק, קאן מען מיט אלע מיני תחבולות נישט מאכן. יעצט לעבן מיר אין אן עפאכע פון צוואנגס־שולעס — אין צוואנציק יאר האבן דורות אויסגעלערנט די לאנדעס שפראך — — —

יא, מיר האבן יעצט א אן אייגענע יידישע מלוכה, וואו די צוואנג שפראך איז העברעאיש! אבער אז די מלוכה זאל געגרינדעט ווערן און זי זאל בלייבן באשטיין, און ווי א קולטור־שטאט — נישט ווי עפעס א „פופעט"־שטאט פון יידישע זעלנערלעך — פון יידישן חיל, אויסמושטירטע אין „היברו".

קודם כל איז יידיש נאך אונזער טעריטאריאל, אונזער פיצעלע ערדישקייט מיט וואס די יידישע ארמיי זאמלט זיך — יידיש איז נאך די איינציקע „דע פאקטא" פארבינדונג פון 90 פראצענט פון אונזער פאלק.

אבער א חוץ דעם: נאך צוויי טויזנט יאר געלייטערטע און געהייליקטע אין גלות מיט תנאים־אמוראים, גאונים און חוקרים, בעלי־קבלה און חסידים, משכילים און יידישיסטן — א קולטור פאלק פון 18 מיליאן! — וואס מיר זיינען געווען, זאל בלייבן א קליין פעלקל פון 2 מיליאן וואס לעבט אויף דער שווערד.

דערווייל איז נאך יידיש דאס ליים פון וואס יידישע קולטור שאפט זיך, דער אויסגעברענטער ראדיום צומאל ווען עס שאפט זיך אין העברעאיש, אדער אין אנדערע שפראכן. יידיש הייסט נישט, אין יידיש אין יידישער שפראך — יידיש איז יידיש לעבן! אין העברעאיש און אין אנדערע שפראכן, — אפילו שוין ווען א צווייטער דור, א געבוירענעם אין דער שפראך, — איז עס אלץ נאך לעקסיקאניש! און העברעאיש מוז נאך אלץ געהייליקט ווערן מיט אונזער יידישלעכן וועלטלעכקייט און ווירקלעכקייט אזוי, אז דער שעפערישער שטראם זאל כהרף־עינדיק קאנען ארבעטן מיט גלייכצייטיקער ווירקונג און געגנווירקונג.

דער עיקר אבער וואס יידיש טאר נישט אונטערגיין, טאר נישט פארנאכלעסיקט ווערן, ווייל יידיש איז נישט אליין, אונזער גורל, דער גורל פון יידיש שאפן יידישע קולטור — יידיש איז דער גורל פונם מענטש! פון די



מענטשהייט! יידיש איז דאס הארץ פון דער וועלט — —

און א סך גורלדיקער וועט עס זיין פאר מענטש, ווען דאס אמעריקאנישע יידנטום לאזט ארויס יידיש פון האנט, ווי ווען דאס אמעריקאנישע פאלק לאזט ארויס די אטאם באמבע פון איר האנט — — —

ווען דער טאג פון משפט וועט קומען און מען וועט משפטן, נישט נאר די גוים פאר דעם וואס זיי האבן אונז אפגעטון, אונז דעם יידישן פאלק, נאר אלע פעלקער, וואס זיי האבן מיט זיך געטון, איינער מיטן אנדערן, זיך אויסגעקוילעט, דערנידריקט, דערדריקט — — וועט גאט אליין דעמאלט אראפגיין פון זיין משפט־שטול און זיך זעצן אויפן כסא־של־רחמים און מיט א גרויס דערבארעמונג צו זיך אליין שוין וועט ער זאגן צו אלע מענטשן: זעט אויף דער פינסטערער ערד וואס איך האב באשאפן, צווישן די שלעכטע פעלקער, וואס איך האב באשאפן, איז דאך מיין יידיש פאלק דאס ערגסטע און דאס פינסטערסטע. אפילו זיינע אייגענע נביאים האבן דאך אלדעסבייזטע אויף אים אויסגערעדט, — א, וואס דאס פאלק דענקט איבער זיך אליין, און די רכילות וואס עס רעדט אויס איבער זיך אליין, ווערט דאך ממש פינסטער אין די אויגן, — אן עם בזוי ומבוזה! א גלות פאלק, וואס דאס גלות אפילו האט עס שוין אויסגעשפיגן. און זעט די שיינקייטן וואס דאס פאלק האט געשאפן, דאס פינסטערסטע פאלק, אויף דער פינסטערער ערד, — דאס לעמעלע צווישן אזויפיל וועלף!

אין גלות, צווישן נויט און יסורים, צווישן אויסראטונג און פארטיליגונג, צווישן שנאה און קנאה — עס האט דאך געמוזט זיין עפעס א געהיימע ליבשאפט צווישן איך אלע — צווישן אלע פעלקער אויף דער וועלט, אז דאס האט געקאנט געשען!

יידיש אליין שוין, די שפראך, אליין שוין, דער ליים די ציגל צוקנעטן און ערשט אזא פתום־ורעמסס־געביידע אויפשטעלן ווי די יידישע ליטעראטור — נישט נאר שטרוי האט מען געמוזט האבן צו דעם ליים, נאר אלע תבואה פעלדער פון אלע לענדער — ס'ברויט פון אלע פעלקער!

און די וואונדערלעכע ספינקסן וואס קוקן ארויס פון דעם געוואלטיקן תוהו ובוהו פון וואו מען האלט ערשט ביים בראשית: מענדעלע, פרץ, שלום עליכם, אש, בערגעלסאן, אפאטאשו און ערשט די הערלעכע קלאסישע דיכטונג, די יונגע אין פראזע און אין פאעזיע און די יונגסטע פון די יונגסטע — אין די גאנצע וועלט וווּ נאר יידן זיינען, אין יעדן מקום אין די קעמפס, אפילו אין וויסטן לאנדאן.

ווי גוט די פעלקער זיינען, ווי ווויל זיינען די מענטשן, אז אזוינס האט געקאנט געשען, אז אזוינס געשעט נאך, אז אזא שיינקייט שאפט זיך צווישן זיי! נאך צווישן די נידריקסטע פון די נידריקסטע, צווישן די דערדריקטסטע.

דאס איז יידיש! און אין די הענט פונם 5000000 אמעריקאנישן יידנטום ווי די אטאם־באמבע אין די הענט פונם אמעריקאנישן פאלק — עס ליגט גרויס אחריות אויף די אמעריקאנישע שטאטן, אז די געשיכטע זאל זיי

נישט פאַראורטיילן, און אויפן אַמעריקאַנישן ייד, אַז גאָט זאָל חלילה די „מכה אשר לא כתובה בתורה" פון זיין תוכחה נישט אויסשרייען, ווען דאָס יידישע געשריבענע וואָרט וועט אויפהערן — גרויס אחריות ליגט אויפן אַמעריקאַנישן יידנטום — זיי מוזן זיך עס באַוואוסט ווערן!

דער קאָנגרעס פאַר יידישע קולטור קומט פאַר אין אַמעריקע אין דער לעצטער שעה, אפשר שוין גאָר אין דער דרייצנטער שעה, און מיר טאָרן זי נישט פאַרשפּעטיקן.

ל. סיגאַל, גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד

## די צילן און אויפגאַבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס

אין חודש סעפּטעמבער וועט אין ניו יאָרק אָפּגעהאַלטן ווערן דער ערשטער וועלט־קאָנגרעס פאַר יידישער קולטור.

די איניציאַטיוו פאַר צוזאַמענרופן אַזאַ קאָנגרעס האָבן גענומען דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט, דער ציוניסטישער אַרבעטער קאָמיטעט פאַר הילף און אויפבוי, דער אַרבעטער־רינג, דער יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, זייערע שולן און קולטור־אָפּטיילונגען, דער י. ל. פּרץ שרייבער־פאַריין, דער פּען־קלוב, די צענטראַלע קולטור־אָרגאַניזאַציע „ציקאָ" און אַ ריי אַנדערע קערפּערשאַפטן וואָס זיינען אַקטיוו אין יידישן קולטור און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דאָס צוזאַמענרופן פון קאָנגרעס, מיט פאַרטרעטער פון אַלע טיילן פון דער וועלט, וואו עס לעבן יידישע מאַסן, איז אַרויסגעוואַקסן פון דער גרויסער נויט, וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן ארומגענומען דאָס יידישע קולטור־לעבן.

די נויט איז געוועזן גרויס נאָך איידער עס איז געקומען דער שרעקלעכער חורבן, וואָס דער היטלעריזם האָט געבראַכט אין יידישן לעבן אין די אייראָפּיאישע לענדער. די פּראָבלעמען פון יידישן קולטור לעבן זיינען געוואָרן גרעסער און טיפער פון יאָר צו יאָר, ווייל באַדייטנדע טיילן פון יידישע מאַסן אין אַמעריקאַנער לענדער, אויך אין די לענדער פון אייראָפּע, אַפילו פון מזרח־אייראָפּע, האָבן מיט אַ שנעלן טעמפּאָ זיך אָפּגעפרעמדט פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

די מערסטע פון זיי האָבן אָנגעפאַנגען לעבן מיט דער שפּראַך פון לאַנד, אַפילו ווען דאָס איז זיי אָנגעקומען מיט די גרעסטע שוועריקייטן, איבעררייסנדיק דורך דעם די וויכטיקסטע פעדים, וואָס פאַרבינדן די יידישע מאַסן מיט דעם יידיש־נאַציאָנאַלן קולטורעלן לעבן.

נאָך ערגער איז געגאַנגען דער פּראָצעס ביי דעם יונגערן דור. עס האָט ליידער אָנגעפאַנגען ווערן אַ זעלטנהייט צו זען יונגערע מענטשן ביי פאַרזאַמלונגען, וואו עס ווערט גערעדט יידיש, זעלטן האָבן יונגערע מענטשן געקויפט



יידישע צייטונגען, פּובליקאַציעס און ביכער. בכלל איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסע מחיצה צווישן די, וואָס האָבן געוואָלט אָנהאַלטן זייער קולטור און געזעלשאַפטלעכן לעבן אויף דער יידישער שפּראַך און די, וואָס האָבן זיך געזוכט פון יידיש אָפּצופרעמדן.

ניט פריילעך איז אויך געוועזן נאָך פאַרן היטלעריסטישן חורבן אויפן געביט פון יידישער דערציאונג.

אין אַמעריקע האָבן מיר נאָך היינט אַ צושטאַנד, אַז ווייניגסטנס אַכציק פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער קריגן ניט קיין יידישע דערציאונג.

די מערסטע עלטערן האָבן נאָך אַפילו איצט ניט די עלעמענטאַרסטע זאָרג פאַר יידישע דערציאונגס אינסטיטוציעס.

שווערער איז אָבער געוואָרן דער צושטאַנד אויפן געביט פון יידישער קולטור און דערציאונג נאָך דעם גרויסן חורבן, וואָס דער היטלעריזם האָט געבראַכט אויף די יידישע קהילות אין אייראָפּע.

אין די לענדער, וואו יידן האָבן פאַר הונדערטער יאָרן געשאַפן קולטור־אוצרות און זיך געהאַלטן מיט ליבע און מיט האַרציקייט פאַרבונדן מיטן יידישן לעבן אין נאַציאָנאַלן און קולטורעלן זין, איז אַלץ אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל. מיליאָנען יידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַ טראַגישן אופן, און צוזאַמען מיט זיי זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אַלע קולטור־ווערטן, וואָס די יידישע מאַסן האָבן געשאַפן אין פאַרלויף פון פיל דורות. דער גרויסער יידישער חורבן אין אייראָפּע האָט אויך אין אַ גרויסער מאָס אָרימער געמאַכט דעם יידישן גייסטיקן און קולטורעלן לעבן אין אַלע אַמעריקעס, ווייל ס'איז דאָך קלאָר, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידיש לעבן (דאָס זעלבע אויך אין די אַנדערע אַמעריקעס) איז גייסטיק און געזעלשאַפטלעך געשפּייזט געוואָרן פון די יידישע קהילות פון מזרח און מערב אייראָפּע. דער פאַקט, וואָס הונדערטער טויזנטער מענטשן פון יענע לענדער האָבן זיך באַזעצט אין דעם טייל וועלט און מיטגעבראַכט מיט זיך זייער יידישן וויסן, זייער בענקשאַפט נאָך אַ יידיש־גייסטיק לעבן און זייער ליבע צו דער יידישער שפּראַך און קולטור — האָט אין די אַמעריקאַנער לענדער מעגלעך געמאַכט די באַשאַפונג פון יידישע דערציאונגס אינסטיטוציעס, אַ גרויסע ווירקזאַמע יידישע פּרעסע, געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע קערפּערשאַפטן און בכלל אַלץ, וואָס איז קאָנסטרוקטיוו אין יידישן נאַציאָנאַלן און קולטור לעבן.

נאָך דעם גרויסן חורבן אין יידישן לעבן, וואָס די היטלעריסטישע רוצחים האָבן געבראַכט, איז דאָס יידישע לעבן אין דער גאַנצער וועלט געוואָרן גייסטיק און נאַציאָנאַל פאַריתומט, די פּראָבלעמען פון אַ יידיש־קולטורעלן לעבן זיינען געוואָרן קאָמפּליצירטער און טיפער.

די פּאָליטישע ענדערונגען אין רוסלאַנד, וואָס דער סאָוויעטישער רעזשים האָט געבראַכט, האָט ליידער, אָפּגעפרעמדט דאָס רוסישע יידנטום פון די יידישע מאַסן אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט.

דאָס רוסישע יידנטום, וואָס איז פאַר פיל דורות געוועזן גייסטיק און נאַ־

ציאָנאַל קעמפעריש, וואָס האָט געגעבן די גרעסטע כוחות פאַר אַלע באַוועגונגען ביי ייִדן וואָס האָט געשפּילט אַ היסטאָרישע ראָלע אין ייִדישן לעבן — איז מיט אַמאָל אָפּגעריסן געוואָרן פון ייִדישן פאָלק אין דער וועלט.

דער פאַקט האָט געהאַט טיפע נאַציאָנאַלע קאָנסעקווענצן אין ייִדישן לעבן.

אַ גרויסע טרייסט אין דער פינסטערניש פון ייִדישן לעבן איז, צום גליק, געווען דער שאַפענדער, בויענדער כוח אין ארץ ישראל. דער ישוב, די אַרבייטער באַוועגונג און אַלע נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן אַ סך נאַציאָנאַלע שעפערישקייט און גרויסע וויזיע פאַר דער באַפרייאונג פון ייִדישן פאָלק און פאַר דעם אויפבוי פון אַן אייגן לאַנד. די אידעאַלן פון פאָלקס־באַפרייאונג און פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט האָבן באַגייסטערט די ייִדישע מאַסן אין דער גאַנצער וועלט. אין די פינסטערע שעה׳ן פון ייִדישן לעבן, ווען דער חורבן פאַרן ייִדישן לעבן איז געשטאַנען אויפן שוועל, ווען דער היטלעריזם האָט אומגעבראַכט טויזנטער ייִדן טאָג־טעגלעך, איז ארץ־ישראל — דאָס בויענדע, דאָס שאַפנדע ארץ ישראל — געווען דער וועגווייזער פאַר די ייִדישע מאַסן אין פיל טיילן פון דער וועלט. ליידער אָבער איז ארץ ישראל אויפן ייִדיש־קולטורעלן געביט ניט געווען דער טרייבנדיקער כוח, וואָס דאָס לאַנד איז געווען אויפן געביט פון נאַציאָנאַלן גלויבן, פאָלקס־סענטימענטן, ליבע צו אַן אייגן לאַנד און צו ייִדיש נאַציאָנאַלער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט. אַלע קולטור און דערציאונגס טעטיקייטן אין ארץ ישראל זיינען געפירט און ווערן געפירט אויף דער העברעאישער שפּראַך. צוליב דעם האָט אָבער די ייִדישע שפּראַך און די ייִדישע קולטור נישט געקענט שעפּן גענוג שטאַרקייט, ווייל דאָרט איז אַלץ געשאַפן געוואָרן אויף העברעאיש.

ווען מען מאַכט דעם סך־הכל און מען קוקט זיך צו צום רעאַלן לעבן אין די אמעריקעס און צו אַלץ, וואָס עס איז פון אונזער פאָלק געבליבן אין אייראָפּע, מוז מען קומען צום שלוס, אַז אַ גרויסער שטראָם פון קולטור אויפלעבונג מוז אַריינגעבראַכט ווערן אין ייִדישן לעבן. די ייִדישע שפּראַך און די ייִדישע ליטעראַטור מוזן קריגן פיל חשיבות אין אַלץ, וואָס האָט אַ פאַרבינדונג מיטן נאַציאָנאַלן אינהאַלט און מיט ייִדישע טעטיקייטן.

עס דאַרף זיין קלאָר פאַר אַלעמען, אַז די קומענדע צען־צוואַנציק יאָר קענען אין אַ גרויסער מאָס באַשטימען דעם וועג פון ייִדישן קולטורעלן לעבן אין די אַמעריקאַנער און אין אַנדערע לענדער.

וועט אַריינגעבראַכט ווערן אַ דערהויבונג און פאַרטיפונג פאַר קולטור־ווערטן, געשאַפן אויף דער ייִדישער שפּראַך, וועט די פראַגע פון ייִדישער דערציאונג ווערן די אויפגאַבע ניט פון יחידים, נאָר פון גרויסע מאַסן, דער עיקר פון די וויכטיקסטע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן. וועט דאָס אַלץ פאַרשטאַנען ווערן, דאַן קענען קאָנסאָלידירט ווערן באַדייטנדע כוחות פאַר דער דערהויבונג און פאַרטיפונג פון ייִדיש־קולטורעלן לעבן דאָ



אין לאַנד און פאַר אַלץ, וואָס האָט אַ קולטור באַדייטונג אין אַלע טיילן פון דער וועלט, וואו עס לעבן ייִדישע מאַסן.

מיט גלייכגילטיקייט האָבן ייִדישע נאַציאָנאַלע און פאָלקס־קערפּערשאַפטן אויפגענומען דעם פּראָצעס פון אָפּשוואַכונג פון קולטור־ווערטן געשאַפן אויף דער ייִדישער שפּראַך.

נאָך מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק האָט אין אַמעריקע דאָס ייִדישע וואָרט געהאַט אַ ווייט־גייענדע ווירקונג. דער ייִדישער שרייבער איז געהאַלטן געוואָרן חשוב אַלס דער גייסטיקער וואָרט־זאָגער אין ייִדישן לעבן. דאָס ייִדישע טעאַטער האָט געהאַט אַרום זיך מאַסן פּאַטריאָטן, וואָס האָבן געגעבן וואַרעמקייט און אינטערעס דעם טעאַטער אויף יעדן געביט. די ייִדישע פּרעסע האָט געוואונען מאַסן לעזער און געמאַכט גרויסע פּלענער פאַר אויסברייטערונג. ביי געזעלשאַפטלעכע פאַרזאַמלונגען איז געווען אומדענקבאַר, אַז דאָס ייִדישע וואָרט זאָל ניט געהערט ווערן. מאַסן ייִדן זיינען באַגייסטערט געוואָרן פון ייִדישע רעדעס. די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען און דערגרייכונגען אין אַמעריקאַנער לעבן זיינען מעגלעך געוואָרן דורך פאַרזאַמלונגען, געפירט אויף דער ייִדישער שפּראַך מיט אַן אמת פאָלקסטימלעכן אינהאַלט.

אַנדערש איז אָבער איצט. אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן אויף דער ייִדישער שפּראַך, מאַכט דאָך דורך גרויסע שוועריקייטן. דאָס ייִדישע בוך האָט ווייניק לעזער. דער יונגער דור האָט אַ קליינעם אינטערעס אין דער ייִדישער שפּראַך און אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די וויכטיקסטע קאָנווענשאָנס, קאָנפערענצן און פאַרזאַמלונגען ביי ייִדן גייען אָפטמאָל דורך ניט באַנוצנדיק קיין איין ייִדיש וואָרט. ייִדישע מאָנאַטלעכע און וועכנטלעכע פּובליקאַציעס פירן אַ געמאַטערט לעבן.

באַזונדערס טרויעריק איז דאָס בילד אין די פּראָווינץ־שטעדט, וואו עס וואוינען ניט קיין קאָמפּאַקטע ייִדישע מאַסן. די שטעט און שטעטלעך, וואָס זיינען מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען אַ קוואַל פון באַגייסטערונג, פון נאַציאָנאַלן אינהאַלט און פאָלקסטימלעכער וואַרעמקייט, זיינען איצט געוואָרן כמעט אַ מדבר אויפן ייִדיש־קולטורעלן געביט.

ייִדיש־נאַציאָנאַלע עלעמענטן מוזן זיך דערפאַר שטעלן די פראַגע, צי קען דאָס נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע לעבן מאַכן דעם געהעריקן פּראָגראַם, האָבן דעם געהעריקן אינהאַלט, אויב די ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור וועלן נאָך מער אָפּגעשוואַכט ווערן אין די אַמעריקאַנישע לענדער?

ווען דער ענטפער אויף דער פראַגע וועט ווערן קלאָר, וועלן אויך קלאָרער ווערן די גרויסע אויפגאַבן פון דעם געפּלאַנטן קולטור־קאָנגרעס, וואָס וועט צונויפנעמען אַלע קאָנסטרוקטיווע געזעלשאַפטלעכע כוחות פון אַלע וועלט טיילן, וואָס ווילן דורך אַ געמיינזאַמער אָנשטרענגונג אויפהויבן די חשיבות פון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט פון אונזערע קולטור־אוצרות און אַריינברענגען מער דערהויבונג און

געזעלשאפטלעכע יום־טוב׳דיקייט אין יידישן לעבן.

אין פארבינדונג מיט די פֿאַרבערייטונגען פארן קולטור־קאָנגרעס זיינען פאַרגעלייגט געוואָרן אַ ריי וויכטיקע פּלענער וועגן טעטיקייטן אויף פיל געביטן. אָט, למשל, ווערט ערנסט געפּלאנט צו קאָאָרדינירן באַשטימטע טעטיקייטן אויפן יידישן דערציאונגס געביט. אַזאַ קאָאָרדינאַציע וועט דערנענטערן די שול־טוער פון פארשידענע ריכטונגען, וועט מער שטארקן דעם גלויבן אין דער נויטווענדיקייט פון יידישער דערציאונג בכלל און וועט פארשפּאָרן אַ סך ענערגיע, וואָס ווערט איצט ליידער, ניט שטענדיק פאַרווענדט אויף אַ קאָנסטרוקטיוון אופן.

עס ווערט אויך געפלאנט אַ גרויסע אקציע צו שטארקן די יידישע פרעסע, פאַרגרעסערן איר לעזער־קרייז, מאכן פּאָפּולער איר גרויסע נאַציאָנאַל־געזעלשאפטלעכע ווירקונג און בכלל אויפהויבן איר חשיבות אין די ברייטסטע קרייזן פון דער יידישער באפעלקערונג.

צווישן די פּלענער, וואָס ווערן צוגעגרייט פארן קולטור־קאָנגרעס, איז אויך דאָ אַן אינטערעסאנטער פאָרשלאָג וועגן דעם אופן, ווי אַזוי צו שטארקן דעם פארקויף פון יידישן בוך.

אין פארבינדונג מיט דעם פאָרשלאָג האנדלט זיך וועגן דער באַשאַפונג פון אַ צענטראלן ביכער־פארלאג, וואָס זאָל זיין אלוועלטלעך אין זיין פארנעם. עס האנדלט זיך אויך וועגן גרינדן קלובן, וואָס זאָלן האָבן די אויפזיכט איבער די שטאָטישע און געזעלשאפטלעכע ביבליאָטעקן, כדי צו זאָרגן פאר דעם, אַז אין די ביבליאָטעקן זאָל דאָס יידישע בוך געפינען דעם געהעריקן פלאץ. דער פּלאַן וועגן דעם יידישן בוך, וואָס וועט געבראַכט ווערן צום קאָנגרעס, וועט דינען אלס פראקטישער וועג אויפצולעבן דעם יידישן ביכער־מאַרק אין דער וועלט.

עס וועלן אויפן קולטור־קאָנגרעס געבראכט ווערן אַ ריי וויכטיקע פּלענער וועגן דער באפעסטיגונג פון יידישן טעאַטער, וועגן דעם פּלאַץ פון מוזיק אין יידיש־קולטורעלן לעבן, וועגן דראמאטישע סעקציעס און לייען־קרייזן, וועגן מאלעריי, פּלאַסטישע קונסט, סקולפּטור א.א.וו.

די אַלע זאַכן האָבן צו טאָן מיט דער אייגנארטיקייט פון יידישן לעבן, אין נאַציאָנאַלן זין, וואָס מוז ענג צוזאַמענגעבונדן ווערן מיט אַלץ, וואָס האָט אַ קולטור באַדייטונג.

דער קאָמיטעט פארן אלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס האָט אויך אָנגעצייכנט אַ פּלאַן, אויף וועלכן אופן צו פאראייביקן דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע קדושים, די זעקס מיליאָן יידן אין אייראָפּע.

דער פּלאַן טראָגט מיט זיך ניט בלויז טרויער איבער די אומגעקומענע, נאָר אויך נאציאָנאַלע פארטיפונג און קולטור־באַפעסטיקונג. ווייל אַלץ וואָס ווערט געהאלטן הייליק ביי יידן, וואָס וואַקסט אַרויס פון יידישער נויט, פון טראגעדיע און איפּלעבונג, האָט שטענדיק אַ היסטאָרישע באַדייטונג פאַרן יידישן פאָלקס־לעבן.



עס איז אוממעגלעך אויסצורעכענען אין איין אַרטיקל די אויפגאַבן פון אַ וועלט קאָנגרעס פאַר יידישער קולטור. מיר פארזען אויך ניט די מעגלעכקייט, אַז די ערשטע סעסיע פון קולטור קאָנגרעס וועט זיכער ניט קענען ענטפערן אויף אַלע פראגן און פּראָבלעמען פון יידישן קולטור־לעבן, וואָס זיינען אַזוי אקטועל אין דער איצטיקער צייט. וויכטיק איז אָבער, אַז עס איז געמאַכט געוואָרן אַן ערנסטער פארזוך פון גרויסע קערפּערשאַפטן און געזעלשאַפטלעכע כוחות אָנצופאנגען פּלאַנירן אַן אויפלעבונג אין יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן און דערציאונגס־לעבן. אַזאַ ערנסטע פּלאַנירונג מוז קומען צום אויסדרוק אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן. אַזאַ מעגלעכקייט גיט דער יידישער קולטור־קאָנגרעס, וואָס וועט זיך פארזאמלען אין ניו יאָרק סוף חודש סעפּטעמבער.

פאָרשטייער פון די פארשידענע יידישע קהילות אין דער וועלט, איינגעלאָדן פאָרשטייער פון מדינת ישראל, וואָס קומען צום קאָנגרעס, וועלן ברענגען מיט זיך אַן ערנסטן ווילן צו פּלאַנירן עפּעס גרויסעס און נאַציאָנאַל־וויכטיקעס אין דעם יידישן לעבן דורך דער פארשטארקונג פון יידישע קולטורעלע שאַפונגען, טעטיקייטן און דערגרייכונגען.

די דעלעגאַטן צום קאָנגרעס וועלן דארפן גוט געדענקען די גרויסע נויט אין יידישן לעבן אויפן קולטור־געביט און די דרינגענדע נויטווענדיקייט צו ראַטעווען דאָס, וואָס קען געראַטעוועט ווערן, כדי יידישע קולטור־ווערטן זאָלן קענען טיפער אַריינדרינגען אין יידישן לעבן אין די לענדער, וואו יידן ווערן גייסטיק אויפגעפרעסן פון אַ מורא׳דיקער אַסימילאַציע, וואָס רינגלט אונז אַרום.

די יידישע וועלט, באַזונדערס די טיילן פון די יידישע מאסן, וואָס ווילן זיך ניט אָפּפרעמדן פון דער יידישער שפּראַך און פון דער יידישער קולטור, וועלן מיט טיפן אינטערעס נאָכפאָלגן די פארהאנדלונגען ביים קאָנגרעס און וועלן מיט וואָרעמקייט העלפן דורכפירן זיינע באַשלוסן, וואָס וועלן, ווי מיר האָפן, אַריינשרייבן אַ ניי בלאט אין דער געשיכטע פון יידישער קולטור־אויפלעבונג און פארטיפונג איבער דער גאנצער וועלט.

---

**א. נ. שטענצל**

## ווען די פּאַקשיוועס בליען

1. אַ תשעה־באב באלאדע

„בעת סרו כתריה" (אלי ציון — יהודה הלוי)

מיט אַ קאַלטן־באָרד פול פּאַקשיוועס  
דעם בית־עולם וועג קומט ווער צוגיין ;  
פון בית־מדרש פענסטער די ראָסע  
זיינע ראָפּע־אויגן פול געוויין ;  
פון די ווינקלען רייסן זיך די שאָטנס,  
דעם אורח מקבל פנים צו זיין.

די שוועלבלעך פון די קראָקוס אַפּריער
פון הוילן געטראַט שרעקן זיך אויף,
נידריק צו דער ערד. אַ כּשוף־ראָד
קרייזן־דריי־אויף שטויביקן שול־הויף;
און אַ פלאַטערדיקע חתונה
פליען זיי הויך און הימל אַרויף.

ס'איז אַלטע־שול־דאַך שוין צעגומען,
ביקסלעך און שווערטלעך פון אים געמאַכט.
און דאָס הענגל אויפן „סמאהלע"
פֿילן באַשאָפן. דרייט זיך און לאַכט;
אַ נס מן השמים געשען,
וואָס אינגאַנצן נישט אַראָפּגעקראַכט — —

און אַז אַ חתונה אויף הימל,
פרייען זיך דאָך קינדער אויף דער ערד.
איז פון 'אויסגעקרייזטן שול־הויף ראָד
כשופריקער פילנבוינגן ווערט;
בית־המדרש־שאָטנס, צעפּלאַטשעטער,
אַ צעשמעקטער מיט פּאַקשיוועס בערד.

שאָקלען זיך יללות צום הימל —
אַ מאַסנע־וואַלד צעקרעכצט און דער זון!
און פון לויטער פרייד קליינוואַרג אַרום,
וואָס ווייסט שוין נישט מיט זיך וואָס צו טון,
דרען זיי ווערווירלעך אויף הינטנס,
וואַרטנדיק וואָס ס'וועט ווערן דערפון — —

צוריקצווועגס צום בית עולם גייט ווער,
פון קינעם און טונקל נישט דערקענט,
זיין פּאַקשיווע באָרד — אַ פלאַטער־מרה,
קאַלטנס וויאַגנדיק אין דינע 'הענט.
און ווען פון בית־מדרש זיין קומען,
הענגען שיר המעלותלעך אויף הענט —

קאַם, קאַם, טונם צעבראַכענעם דאָך,
צו קינפּעטאָרין און בעט אַריין.
(פון די שינדלען ביקסלעך דאָך געמאַכט?)
ווערט פינסטער שטיבל פול געוויין,
פון פריש געבוירענעם — — — און קליינוואַרג
מיט אָפענע אויגן האָרכט זיך איין —



אַ גאַנצע לאַנגע נאַכט ליגן זיי,
ביז זון גייט אויף ווי פּאַקשיווע רויט,
ליגט ס'פריש געבוירענע אַ צעקוועטשטס.
און בעט ביי דער קינפּעטאָרין טויט — —
אַ, נישט אַ מאַמע איז עס געווען,
אָן אונטערגעוואָרפנס פון אַ מויד — — —

און ווען מיט ראָסע אויף אויגעלעך
ג'קאַלטן באַגין ערשט זיי שלאָפן איין,
מיט אַ קאַלטן־באָרד פול פּאַקשיוועס
דעם בית עולם וועג קומט ווער צו גיין,
כאַפּט ס'עופעלע אונטער דער פּאָלע,
און פאַרשווינדט דערמיט איינער אליין;

פאַר די אויגעלעך, פאַרחלומטע,
פּורפּור צעפּלאַטשעט, פּאַקשיווע־קרוין —
ס'איז דער גרויסע שופר של משיח,
אלול־מולד אויפגעגאַנגען שוין,
און צעבלאָזט איבער ווייסטעניש ווייט,
די באָרד פון אויסטערלישן פאַרשוין — — —

## 2. סוף־זומער וואַריאַציעס

1

נישט געזען כ'האָב היי־יאָר דעם שנים.
נישט כ'זע אַצינד ווי מ'אַקערט די ערד.
ס'הענגט מיין לעבן בלאַנק איבער מיר
אַ געשאַרפטע צעמאַכטע שווערד;
מיין יעדער טראָפּן רינט אין מיר —
אַ בלוט־שליאַך וואָס קיינמאָל נישט אויפהערט!

נישט דעם צווייט היי־יאָר כ'האָב געזען,
פונקט ווי דאָס וויאַגן איך זע נישט איצט;
אין בלוי דער הימל און לויטער,
צי אַ ווילדער פון כמאַרעס צעבליצט!
צו טרעפן אינם פונקט אריין,
כ'איז מיין בליק אַצינד אָנגעשפּיצט!

איבער מיר דאָס רעדעלע זון,
און אונטער מיר דאָס פּינטעלע ערד —
גאַנצער אַרום שוואַרצער ציל־ברעט!

ביז פון שפּיז און בלוטיקע שווערד
געשליפענע קאָסע ווידער
אין געשמידטער אָקער־אײַזן ווערט.

2

מיט גרענעצן, ווי מיט גאָרטן־צוימען,
אָרומגערינגלט גאָטס שיינע וועלט,
און ווי פאַר פייגל, ס'איז פרישע זריעה,
מיט שטאַכל־דראָטן די ערד פאַרשטעלט,
אין אַלע עקן, אויף אַלע ראָגעס
אַ סטראַשידלע — גאָט אָװעקגעשטעלט.

אָבער דאָס־אָ איז עס נישט אַ סימן:
ווען געצייטיקט ס'וועט זוימען אויפגיין,
צוזאַמען דעמלט מיט די סטראַשידלעס
וועלן צוימען, וואָס אויפגעשטעלט שטיין,
אונטערגעבראָכענע צונויפפאַלן,
און גאָטס וועלט אַ באַפרייטע ווערט זײַן?

אָבער וויאַזוי אויסזייען זריעות,
וואָס געצייטיקט ס'טראָגט פרוכט אין זיך,
אַז נישט ווידער סטראַשידלע און צוימען,
אויפגעשטעלט זאָלן ווערן אויף גיך,
ווען נישט מיט סאַכע פון שווערד אויסגעשמידט,
איבער גאָטס ערד קומט צוגיין באַלד משיח?

### 3. זון פאַרגיי

ווען בלוטיק רויט פונם בליעכן אַרויס,
די ווילדע פאַקשיוועס שאַרלאַך נעמען בליען,
און די שוואַלבן סוף־זומערדיקע שוין,
קרייזן שאַרף די לופט פאַרן אַוועקפליען,
שפּיציקע שליפן שאַרפן זיך פליגל —
ס'איז יעדער שליף אַ פעטלע אין פאַרציען!

צו דער שחיטה געפענטעטע שעפסן,
ליגן סנאָפעס אויף די אַקערס געבונדן;
ס'הענגט יעדער בלוטיקער זון־אונטערגאַנג —
אַ ווידער פון הויט אַרויס אָפגעשונדן!
די וואָלקנדיקע הימלען וויקלען זיך
אַרום מיינע אויגן — אָפענע וואונדן:



מיט געפאַלענע, פאַלט צו די נאַכט,
אַן אויסגערונען אויג יעטווידער שטערן,
שטויביק פאַרגליווערט ציט זיך דער מילך־וועג —
אַ בלוט־שליאַד וואָס וויל קיינמאָל נישט אויפהערן!
נאָר פון ווינקל ווינדיקע צווייגן,
ווי וואַרטנדיקע בעזעמס גרייט צום קערן — —

### 4. אין נאַכט־געוויטער

דערױף אַזוי וואונדערלעך געבלים,
צו ווערן גאַרעס געקאַכטער געקעכץ,
צו נערן דעם מענטש און צו שטאַרקן,
אויספירן קענען זיין בייז און זיין שלעכטס?
בעסער אין ווינט לערע פרוכט־ביימער,
שאַרכן וויאַגענדיק מיט שווערן געקרעכץ!

נישט דאָס בליעכן און נישט די פירות —
אין דער האַנט פון עפעס אַ גערן אַ לץ
אַ קערנדיקער בעזעם צו זיין!
גיין איבער דער ערד מיט שטורעם געהעץ,
אַז קיין זכר פון מענטשלעכן שלעכטס!!
ווינקן פאַקשיוועס אַרויס פונם נעץ — —

און וואַסער שטויב זיך אויפגעהויבן,
פון אַזאַ שטורעמווינטיקן אויסקער, —
אַז אַן אויפהער פאַלן די שטערן,
יעדער — אַ שטויביק פאַרגליווערטע טרער! —
ווען נישט־אָ דאָס געשפּרענקל געשפּריץ,
די גאָס־רעגנס געבליץ אָן אַן אויפהער.

## פאַרעגנטע אָלימפּיאַ׳נדעס

„מ'מוז שוין האָבן אַ יהאַנדעס —"
(מאַטאַ)

(די צייט לידלעך פאַרן „טים" פון ישראל)

1

דער באַלעם־פּלי איבערן קוואַדראַט־פּלאַץ
אַכצן מיט אַ האַלבע סעקונדע,
אָבער די זון איבער ברייטן הימל —
אין אַכצן מיט אַ האַלבע שטונדע!

און ווײַל אײן שפּילער נאָר אויף הימל איז,
און מיט זיך אַלײן ר׳שפּילט די רונדעס
מוז ער צוריק לויפן פיפטהאַלבן שעה,
הינטעראַרומער — „דע פראָפונדעס“!

II

און „פוט־באָל“ שפּילט ער מיטן ערד־קײַלעך!
אַלע פעלקער אײן קנויל־געראַנגל —
אַ צעטרעטענער וואָרעם־געראַיע,
אַרום אַ זשאַרנע פון אַ זאַנגל.

יאָ „פוט־באָל“ שפּילט ער מיטן ערד־קײַלעך,
און אין „טויער“ שטײט דער שטן — —
אַז אַך און ווײ ווערט זײַן צו אונז אַלע,
ווען „די רונדע“ וועט נישט געראָטן. . . .

III

און קלאָרער הימל וואַלקנדל באַזוימט,
זײַן בלוי־ווײַסע פאָן צווישן זײַערע;
זאָל זי הענגען מיליאַרדיק צעשטערנט,
צווישן האַלבע לבנות... באין ברירה!

אָבער אַז אַראָפּגעריסן זײַן פאָן,
איז שרעקלעך געוואָרן זײַן צאָרן:
אײן צעפּליוכעטע פינסטערע כמאַרע
איז פון גאַנצן הימל געוואָרן — — —

## זיינוול דיאמאנט (זשענעווער)

### „בונטאָוטשיקעס“

קאַפּיטל פון ראָמאַן „אַמאָליקע צײַטן“

פסח ישעיה, דער „בעכעווער“ שנײַדער, איז אויך איצט, מלחמה־צײַט, פונקט ווי תמיד, אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, ווען די הענער האָבן געקרײַעט, האָט זיך אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, זיך אָנגעטון, און ווײַל עס איז געווען ווינטער, האָט ער אויך אײַנגעהײצט דעם גרויסן, אומגעלומפּערטן, לײמענעם אויוון, וועלכן ער האָט אַלײן אין דער גרויסער קעלער־שטוב געהאַט אויפגעשטעלט, האָט מיט זײַן פרומען, גאָטספאָרכטיקן ניגון אויסגעזונגען דעם טעגלעכן יום־תהלים, און דערנאָך, אַז מאַטיסל איז אויפגעשטאַנען, זענען אין בלויען פאַרטאָג, טאַטע און זון אַוועק אין בית־המדרש אַרײַן; דער טאַטע —



כדי אָפּצודאַווענען בײַם ערשטן מנין, און דער זון — כדי אָוועקצוזעצן זיך בײַ אַ גמרא און צושטײַער צו געבן זײַן יונגן, קלינגענדיקן קולעכל צו דעם כאָרגעזאַנג וואָס האָט זיך געטראָגן פון די צוויי לאַנגע בית־מדרש טישן מיט תורה־לערנערס. און אַזוי אַרום איז געשען, אַז באַלד דעם ערשטן טאָג, בעת קישקע סטראַזשניק מיט זײַנע סטראַזשניקעס און זשאַנדאַרן זענען באַלד אינדערפרי באַפאַלן דאָס בית־המדרש און האָבן געכאַפּט אויף „שאַלוואַרק“, איז צווישן די „געכאַפּטע“ אויך געווען פסח ישעיה.

אַז מאַטיסל איז יענעם פרימאָרגן, אַ נישט טויט נישט לעבעדיקער, געקומען אַנצולויפן פון בית־המדרש און האָט אַהיימגעבראַנגט די בשורה אַז מען האָט דעם טאַטן „געכאַפּט“, האָט זיך זעליק, וועלכער איז נאָך געלעגן אויף זײַן געלעגער, גיך אָנגעטון זײַנע העלע, „טאַרבאַווע“ הויזן, אַרויפגעצויגן אויף די פיס זײַנע שוואַרצע, „כאַמענע“ שטיוול מיט די קרומע כאַליעוועס, האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די וואַטאָווע קורטקע מיט די קרומע זײַטן־קעשענעס און מיט דעם קאַראַקולענעם קעלנערל, געכאַפּט דאָס שוואַרצע, פאַקענע היטל און איז גיך אַרויסגעלאָפן אין מאַרק אַרײַן, כדי געוואָר צו ווערן וואָס דאָס איז שוין ווידער עפּעס פאַראַ „כאַפּעניש“. . .

אַז זעליק איז אַרויסגעקומען אין מאַרק אַרײַן, האָבן שוין די סטראַזשניקעס געהאַט אַרויסגעטריבן די „געכאַפּטע“ ייִדן פון מאַגיסטראַט־הויף און זיי אָפּגעפירט אויפן לובלינער וועג. זעליק איז אַ שטיק וועג נאָכגעלאָפן. ער האָט געמיינט אַז ער וועט זיי קאָנען דעריאָגן, אַרויסנעמען זײַן טאַטן פון דער מחנה און גײן פאַר אים אַרבעטן דעם טאָג „שאַלוואַרק“. אָבער אַז זעליק איז צוגעקומען צו משה יאָסל זייגערמאַכערס דירה, אויף דעם שטיקל טראָטואַר וואָס איז געווען לײדיק, נישט פאַרבויט, און פון וואַנען מען האָט געקענט זען אַ שטיק לובלינער וועג, ביז איבער דעם נײַעם שעכט־הויז — האָט זעליק דאָרטן, אינמיטן פון די אומענדלעכע, ווײס־באַשנײטע פעלדער, אויפן שאָסײ, צווישן די צוויי שורות טעלעגראַפן־סלופּעס, געזען זיך שוואַרצלען די צעוואָרפענע מחנה שאָטנס, וועלכע האָבן געטראָגן לאָפּעטעס און קירקעס, ווי זעלנער טראָגן זײַערע ביקסן אויף די אַקסלען. דעריאָגן זיי איז שוין געווען אוממעגלעך. מען האָט געמוזט דורכגײן דעם גאַנצן „וואַניס“, אַריבערגײן די האַלצערנע „לובלינער בריק“, זיגזאַגעווען מיטן שאָסײ אַרום דעם שפּאַצירגאָרטן, איז דער מהלך געווען צו ווײַט און זעליק האָט דעריבער באַשלאָסן דערווײַל אַהײמצוגײן, צו פאַרבײַסן, און דערנאָך צו גײן פאַרטרעטן זײַן טאַטן פון האַלבן טאָג אָן.

וואָרעמעס־צײַט, האָט זעליק גענומען דאָס טעפּל געקעכטס מיטן שטיקל ברויט, וואָס זעלדע האָט פאַר איר פאָטער צוגעגרײט אין אַ קויבערל, און ער איז אַוועק אין לובלינער וואַלד אַרײַן, דאָרט, וואו „פאַניע“ האָט אויסגעהאַקט דעם וואַלד און געבויט די באַן ביז צו דער קירהשער גרענעץ און וואו די ייִדן האָבן געאַרבײט דעם „שאַלוואַרק“. און דערנאָך, אַז מען האָט שוין מער נישט געכאַפּט, נאָר מען האָט „נאַזנאַטשיעט“ (באַשטימט) פון מאַגיסטראַט

ווער עס זאָל גיין אַרבייטן, האָט זעליק, איטלעכעס מאָל וואָס יעקעלע „קאַנטאַניסט“, ווען מען האָט אין שטוב גערופן „דער מאַמעס מלאך־המות“, האָט געבראַכט צו זיי אין קעלער־שטוב אַריין די „פּאָוויעסטקע“, זיך צוגעשטעלט אין מאַגיסטראַט הויף, און אַז קישקע סטראַזשניק מיטן צעטל אין האַנט האָט אויסגערופן: „פּייסאַך שאַיאַ בעצאַלעלאָוויטש פרידמאַן“ — האָט זעליק געענטפערט פאַר זיין טאַטן...

* * *

אויף דעם „שאַלוואַרק“ האָט זיך זעליק צונויפגעטראָפן מיט זיינע חברים, די „ציצעליסטן“ פון בערל איטשעלע פּעסעס חברה: מיט בערל „טאַרטער“, וועלכער כאַטש ער איז אין בית־מדרש ביים ערשטן מנין, בעת מען האָט „געכאַפּט“, נישט געווען, האָט אים דאָך יעקעלע „קאַנטאַניסט“ נישט פאַרציילט און האָט אים אין זיין איינגעפאַלענער הייזקע, אין דער „יעסיק־גאַס“, וואו ער האָט געוואוינט מיט זיין מוטער די אלמנה און מיט זעקס ברידערלעך און שוועסטערלעך זיינע, פאַר וועלכע ער איז, זינט דער פאָטערס טויט, געווען דער גאַנצער פּרנסה־געבער, געבראַכט אַ „פּאָוויעסטקע“; און מיט שמערעלע „יושר“, וועלכער האָט אויסגעפונען אַז עס איז ניט קיין „יושר“ צו לאָזן אַרבייטן זיין אַלטן, קראַנקן שטיפטאַטן, ווען מען האָט געהאַט געכאַפּט יענעם פרימאָרגן אין בית־המדרש ביים ערשטן מנין, און ער איז געקומען אים פאַרטרעטן.

די „שאַלוואַרקניקעס“ זענען אין די פרעסט, קעלטן און זאַווייערוכעס אויסגעמאַטערט געוואָרן פון דער שווערער אַרבייט, און די ווייבער זייערע, די מאַמעס און די שוועסטערן, וועלכע האָבן זיך יעדן טאָג געמוזט שלעפּן זעקס זיבן וויאָרסט אַהין און דעם זעלבן מהלך צוריק, כדי זיי אַהינצוטראָגן אַ לעפל געקעכטס, זיינען געוואָרן מיד, דערשעפּט און אָנגעפילט מיט צאָרן, און ביסלעכוויז איז זיי געוואָרן אויפפאַלנד וואָס צווישן די אַלע „שאַלוואַרקניקעס“ זעט מען עפּעס נישט קיין איין בעל־הבית׳ישן, פאַרמעגלעכן יידן... דער ערשטער האָט דאָס באַמערקט שמערעלע „יושר“, ר׳איז געבליבן שטיין אַן אָנגעשפּאַרטער אויף זיין „רידעל“ און דאָס גאַנצע ברוינע, קאַנטיקע פּנים זיינס האָט געפרעגט:

— אָבער זאָגט מיר נאָר, חברה, וואָס פאַר אַ כאָליערע איז דאָ? פאַרוואָס זעט מען עפּעס דאָ נישט קיין איין שיינעם בעל־הבית?!... קיין איין איינציקן כניאַק?! — — —

— פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט? — האָט אים אָפּגעענטפערט זעליק, דעם „בעכעווער“ שניידערס, וועלכער האָט מיט בערל „טאַרטער“ זאַלבעצווייט געהאַלטן אין אונטערזעגן אַ סאָסנאָווען בוים — זיי האָבן זיך אָפּגעקויפט!... אַז מען שמירט — פאָרט מען! — — —

— אוי, אַ רוח אין זייערע טאַטנס אַריין! — האָט בערל „טאַרטער“ אַ שיטערן, לאָנגן שפּיי געטאָן אין שניי אַריין — זיי האָבן אונז שוין ווידער געמאַכט פאַר דער כפּרה!...



— אַז אַ כפּרה און אַן אָפּליינער זאָלן זיי מיר שוין זיין פאַר מיר, פאַר מיין מאַן, פאַר מיינע קינדער און פאַר כל ישראל, טאַטע זיסער אין הימעל — האָט נעכע, די מאַרק־זיצערקע, געדרייט מיט איר באַטיכלטן קאָפּ...

— מען דאַרף זיי דאָס נישט שווייגן! — האָט אונטערגעהעצקעט די לאָמע ריקל אויף איר איינעם פוס מיט דער שוואַרצער קוליע...

— מען דאַרף זיך נישט לאָזן! — האָט ציפּקעלע מאַטל „בלקס“, מיט איר ציגיינערשן פּנימל אַריינגעטאַנצט צווישן דער חברה יונגען — עטץ זענט דאָך עפּעס „ציצעליסטן“! גאַנצע קנאַקערס! וואָס שווייגט עטץ?! אין וואַלד זענט עטץ גאַנצע פלאַקנשיסערס! אָבער אַז עס קומט צו עפּעס, לאָזט עטץ ענק מאַכן אויפן קאָפּ!... מען דאַרף זיי אָפּשפּילן אַ חתונה, אַז זיי זאָלן האָבן צו געדענקען!...

— וועסט זיי אַ סך קענען טאָן! — האָט יאָסעלע שוסטער, דער שול בעל־קורא, זיך אָפּגערופן מיט אַ שמייכל אויף זיינע פּעך־שוואַרצע באָרד־און־וואָנצעס און האָט פאַרקרימט דאָס פּיסקל זיינס ווי ביים אויסזינגען אַ „שלשלת“ — וועסט זיי קאָנען אַראָפּיאָגן די קאַטשקעס פון וואַסער!

— וועסט זיי קענען שיטן זאַלץ אויפן עק! — האָט אים צוגעהאָלפן זיין ווייב, רחל, די קעכין...

— האָרכטס אים נישט, דעם ט..ס־לעקער! — האָט שמערעלע „יושר“ אַ פּאַכע געטאָן מיט אַ לאַנגער האַנט — ער לעבט דאָך אין זייער זכות! ער איז דאָך ביי זיי אַ „טשינאָווניק“! ער לייענט זיי אין דער תורה און זיי געבן אים דערפאַר אַ מכה אין דער זייט!

— סקאַרי! סקאַרי! ראַבאַטאַט! (גיכער! גיכער! אַרבעטן!) — איז אונטערגעקומען אַ זשאַנדאַרם אין אַ גראָען שינעל און מיט אַ געפלאָכטענער באַהייקע אין דער האַנט, און דער וויכוח איז איבערגעריסן געוואָרן — —

* * *

אַז עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט און דער זשאַנדאַרם האָט אַ פייף געטאָן מיטן פייפל, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַז דער אַרבייטס־טאָג איז געענדיקט, זענען די „שאַל־וואַרקניקעס“, צוזאַמען מיט די ווייבער וועלכע האָבן זיי געבראַכט עסן, אַהיימגעגאַנגען, און געהאַט האָבן זיי פולע, „אָנגעזאָליעטע“ הערצער אויף די גבירים, וועלכע קויפן זיך פון אַלץ אויס פאַר געלט און דער אָרעמאַן איז תמיד דאָס כפּרה־הינדל...

— אַז מען וועט זיך אַזוי־אַ צעגיין — האָט זעליק, דעם „בעכעווער“ שניידערס געמאָנט מעשים — וועט פון דעם גאַנצן רעדן ווידער גאָרנישט אַרויסקומען!...

— לאָמיר גיין צו די דאָזאָרעס! — האָט גערופן שמערעלע „יושר“...

— לאָמיר זיי די שויבן אויסהאַקן! — האָט געהעצט בערל „טאַרטער“.

און אַזוי זידלענדיג און שעלטנדיק, מיט לאָפּעטעס, העק, קירקעס און זעגן אויף די אַקסלען, זענען די חברה „שאַלוואַרקניקעס“ אין מאַרק אַריין אָנגעקומען און האָבן זיך פאַר צלאל זלאַטעס צעלניק־געוועלב אָפּגעשטעלט:

— שיינע יידן, וואו איז יושר? — האָט שמערעלע „יושר“ געגעבן דעם טאָן — — —

— עטץ זיצט ענק אין דער וואַרעם — האָט זעליק דעם „בעכעווער“ שניידערס צוגעגעבן — און אונז טרייבט מען אַרויס יעדן טאָג צו דער „קאַטרינע אַרבייט“!

און בערל „טאַרטער“ האָט צוגעהאָלפן אויף זיין שטייגער:

— עס וועט אַ רוח אין ענקער מאַמעס מאַמען אַריין!

— מיר וועלן ענק ברענגען אונזערע שוואַלבן. אַז עטץ זאָלט זיי געבן צו עסן! — האָט געשריגן נעבע די מאַרק־זיצערקע...

צלאל זלאטעס, א ברייטער ייד מיט א לאנגער, ברייטער, געלער באָרד, האָט געכאַפּט א פאַראַסאל, איז אַרויס פון געוועלב און האָט געפאָכעט איבער די קעפּ פון דער אָנגעלאָפענער מחנה:

— אַוועק! שנאָרערס!... דרך־ארץ פאַר בעלי־בתים!... אַ שיינע ריינע כפרה אויף זייערע קעפּ!... האָבן זיך אויסגעלערנט, די שנאָרערס. אַ ליאַדע וואָס, קומען זיי אָפּשפּילן אַ חתונה צו די בעלי־בתים הינטער די פענצטער!!... אַוועק! וואָרום איך שפּאַלט ענק די קעפּ! — האָט ער מיט אַן אויפגעהויבענעם פאַראַסאל געסטראַשעט...

—נו, שפּאַלט!... אדרבא, לאָמיר זען אַז איר זאָלט שפּאַלטן! — איז נעבע די מאַרק־זיצערקע צוגעגאַנגען נאָענט צו אים, האָט פאַרלייגט די הענט אויף די באַקעס און האָט געדרייט מיט איר קאָפּ־טיכל וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ קנופּ אונטער איר גאָמבע, אַז די צוויי עקן פון טיכל האָבן זיך אַזש ווי אַן אומרו פון אַ זייגער געוואָרפן — וואָס מיינט איר? אַז אונזערע הענט ליגן אין קינפּעט?...

צלאל זלאטעס, כאָטש ער איז געווען א בייזער ייד, א „פּשיאַקרעוו“, און ער האָט אַפילו נישט קיין מורא געהאַט אַרויסצוּוואַרפן פון געוועלב אַ שיכורן קאַזאַק אַז מען האָט גאָדאַרפט, האָט זיך איצט פאַר דעם אַרויסרופערישן טאָן פון דער מאַרק־זיצערקע דערשראָקן, און די מחנה הינטער איר, מיט דער פאַרביטערטקייט אויף די מידע פנימער און מיט די לאָפּעטעס, העק און זעגן אויף די אַקסלען, האָט אַנגעוואָרפן אויף אים אַ פּחד, האָט ער זיך געפּרוּווט אַרויסדריייען:

— מיט אייך וויל איך אינגאַנצן נישט רעדן! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס אַן אומריינעם שרץ אַוועקגעיאָגט...

פון עולם האָט זיך געמאַכט אַ וועג און אַרויסגעהינקט די לאָמע ריקל:

— און מיט מיר? — האָט זי געדרייט וואוילעריש מיטן שפּיציקן קעפּל אירן, וועלכעס איז מחמת דעם וואָס זי איז געווען אַנגעשפּאַרט אויף אַ קוליע, געווען אַביסל אין דער קרום — און מיט מיר, ווילט איר יאָ רעדן? — האָט זי וואוילעריש געמאַנט.

— וואָס האָב עך צו רעדן? — איז צלאל זלאטעס צוטומלט געוואָרן פון די קבצנימס פלוציםדיקער חוצפּה — וואָס ווילט עטץ פון מיר? וואָס בין



עך? ראש־הקהל? בורמיסטש?!

— אָבער זאָגט מיר נאָר — האָט זיך שמערעלע „יושר“ אונטערגערוקט

— פאַרוואָס גייט איר נישט אַרבייטן צו דער באַן?

— פאַרוואָס גייט נישט אייער זון? אייער איידעם? און די גאַנצע באַנדע דאַזאַרעס און שיינע יידן, פאַרוואָס גייען זיי נישט אויף קיין „שאַלוואַרק“? — האָט זעליק דעם „בעכעווער“ שניידערס געפרעגט.

— אַלץ דער בעל־מלאכה?! — האָט די לאָמע ריקל געקוויטשעט — אַלץ דער אָרעמאַן?!

— וואָס ווילט עטץ? — האָט צלאל זלאטעס צונומען די צוויי געלהאָריקע, געשפּרענקלטע הענט — עס איז דאָך גזירת־המלכות!... ווען מען „כאַפּט“, דער מוז גיין!... האָסטו געהערט אַביסל?!... זאָלן זיי היינטיקע צייטן, „וואָיענבע ווערעמיע“ (מלחמה־צייט) נישט דרייען זיך אין די גאַסן, וועט מען זיי נישט כאַפּן, וועט מען זיי נישט!...

— אַז געכאַפּט זאָלט עטץ ווערן פון גאָט! — איז נעבע די מאַרק־זיצערקע אַרויס מיט קללות — אוודאי איז זיך זיי גרינג אָפּצורעדן: „דרייטץ ענק נישט!“ און פרנסה פאַר ווייב און קינדער ווער וועט געבן? — האָט זי פאַרלייגט אירע צוויי לאַנגע, דאַרע הענט אונטער איר ברעטלדיקער ברוסט — און פרנסה, ווער וועט געבן?

— פרנסה איז ביי גאָט! — האָט זיך צלאל זלאטעס צובייזערט — און גייטץ ענק אַוועק פון דאַנען ווי לאַנג איך בין נאָך גוט! ווייל אַז איך וועל בייז ווערן, וועל איך רופן סטראַזשניקעס. וועל איך רופן!

אַזוי ווי די לאָמע ריקל האָט דערהערט דאָס וואָרט „סטראַזשניקעס“ האָט זי אַ שאַר אַוועק געטאָן נעבן די מאַרק־זיצערקע און מיט איר שוואַרצער קוליע האָט זי אַ פּאַכע געטאָן איבער צלאל זלאטעס פנים און צלאל זלאטעס איז, אַ פאַרגאָסענער מיט בלוט, אומגעפאַלן מיטן קאָפּ איבער דער שוועל אין זיין געוועלב אַריין.

זלאטע, מיט די האָריקע וואַרצעלעך אויפן פנים און אויף דער גאָמבע, איז אַרויס פון איר הינטער־געוועלב און גענומען קוויטשען:

— גוואַלט!! געוואַלט!! מע'קוילעט!!... בונטאַוטשיקעס!!... זיי האָבן מיר דעם מאַן דערהרגעט!!

עס איז געוואָרן אַ געלויף, אַ בהלה. עס זיינען זיך אַנגעלאָפן מענטשן פון אַלע זייטן; די חברה „שאַלוואַרקניקעס“ זענען זיך אין די קליינע, קרומע הינטער־געסלעך צולאָפן און אַנדערע זיינען פון דאָרט געלאָפן אין מאַרק אַריין ווי צו אַ שריפה; אויף קישקע סטראַזשניק מיט עטלעכע „וואָיענע“ זשאַנדאַרן זיינען טויט־שיכורע פון פּאַטאַצקיס שענק אַנגעלאָפן און האָבן זיך געלאָזן אין אַ געיעג נאָך די „בונטאַוטשיקעס“. עטלעכע פון זיי האָבן די סטראַזשניקעס געכאַפּט און אונטער דער באַגלייטונג פון אַ האַלבער שטאָט געשלעפּט אין תפיסה אַריין...

משה עובד

# משיחס נסיעות און נסיונות

## די קאַרסעטן שטאָט

קאַפּ. ב.

פיר פענסטער האָט משיח געהאַט אין זיין הימלישן היכל,
צוויי פענסטער זיינע אויגן פון האַרץ,
און צוויי, זיינע אויגן פון שכל.

און ווען ער האָט אַראָפּגענידערט מיטן אייזעלע,
איז אַלעס געווען קלאָר ווי דער הימלישער טאָג,
וואָס דאַרף ניט דעם זונען־בעזעם,
צו פאַריאָגן דעם וואָלקן־צוג.

איינמאָל ווען אייזעלעס האַרץ איז צעגאַנגען
און משיח האָט עס אויסגעמוסרט :
„אַ צו וויכהאַרציק אייזעלע ביסטו,
מיט דיר צוברענגען די גאולה !
איך וואָלט געדאַרפט רייטן אויף אַ חיה פייער פלאַם,
פון די חיות־הקודש, פון וואָלקנפליקערישן טיגערשן שטאַם.“

האָט אייזעלע זיך פאַרטיידיקט,
„אַ, גואל־לעבן ! עס איז דאָך ניט מיין שולד,
וואָס איך האָב מיט אַזוי פיל געדולד,
געוואַרט אויף דעם טאָג צוויי טויזנט יאָר,
ניט גערירט מיט אַ האָר,
און אין מיין האַרץ אַריינגעוויינט
ביז עס איז געוואָרן ווייך,
ווי אַ רעגנוואַסער־טייך !
אָבער איך וועל נאָך אַ העלד ווערן
און שטאָל שמידן פון מיינע טרערן.“

און אַזוי ריידנדיק זיינען זיי פאַרבייגעריטן,
אַ שטאָט פון בלויז קאַרסעטן־פאַבריקן,
אין אַ לאַנד וואָס רופט זיך פריי,
האָט משיח דורכגעלעכערט די פאַבריקן מיט זיינע בליקן
מיט זיין געהער אין זיי אַריינגעשניטן
און איבערשראָקן ס׳אייזעלע מיט אַ געשריי „שטיי !“



אַ פאַרציטערטער האָט זיך ס׳אייזעלע אָפּגעשטעלט,
און משיח רעדט דאָצו !
„ווילסטו זען דעם גרעסטן אונרעכט אין דער וועלט,
באַגאַנגען קעגן מענטשן וואָס מיר בידע מוזן רעטן,
טאָ קוק אַריין אין די פאַבריק פון קאַרסעטן,
און האָרך זיך גוט צו צום קאַרסעטן ליד
פון יעדן געפּענטעוועטן ביין און גליד“.

און משיח האָט זיך אויף אַלע פיר אָוועקגעשטעלט,
און ס׳אייזעל אויף אים, ס׳האָט נאָר אַזוי געקוועלט,
נאָר גלייך ווי עס האָט טיף אַריינגעקוקט,
איז עס געוואָרן פון פינסטערניש דערשטיקט,
אַריבערגעפאַלן אַ פאַרחלשטער פון משיחס פלייצע,
וואָס טוט מען ? וואָס גיט מען זיך פאַרע עצה ?

האָט משיח זיך דערמאָנט, אז אין זיין צידה־לדרך איז פאַראַן,
אַ קריגעלע מיט הימלישן מן,
און גלייך ווי ס׳אייזעלע האָט דאָצו געשמעקט,
האָט עס זיך געגעבן אַ קאַפּע,
וואָס האָט עס אויפגעוועקט.

און ווען עס איז געקומען צו זיך האָט עס געפרעגט משיח :
— דערציייל מיר מיין צער־בעל־החייםניק,
אויב ניט מיט וואָרט טאָ מיט בליק,
וואָס האָסטו דאָס אַזוינס געזען אין דער קאַרסעטן פאַבריק ?
נאָר מריטשע, קוויטשע, שריי אַזוי,
עס זאָל דיך הערן טערק, טאַטער, ייד און גוי.

האָט ס׳אייזעלע געשריגן „הי הוי !“
האָט מען עס געהערט ווי די וועלט האָט אַן עק,
און פון דאָרט איז דאָס בת־קול צום אין־סוף אוועק,
אַש שטערן זיינען אַראָפּגעפאַלן ווי גילדענע צען פאַר שרעק !
דער גואל לעבן וועט זיכער געדענקען,
ווען מיר זיינען נאָר אַראָפּגעקומען אויף דער ערד,
אויף זיך גענומען דעם שווערן עול
ווי איך האָב דאָס באַוואונדערט די גרויסע אייזלען, די פערד,
אָבער נאָך מער האָב איך באַוואונדערט דער פרוים קול,
אַזוי, /דין, אידל און זיס,
ווי פון אַ וויטן געליבטן, אַ גריס,
באַוואונדערט אירע טויזנטער חנען,

איינע אַליין געגוג אַ מיאוסן מאַנצפּאַרשוין צו באַשיינען,
באַוואונדערט איר זיידן לייב,
ווען עס גיט זיך ווי אַ באַלאָן צום הימל אַ הויב.
האָסט מיר דאָך אַליין געזאָגט און געשוואוירן ביי דיין דיך,
אַז בלויז איין פּרוי צו רעטן,
לוינט זיך צו ליידן און צו זיין אַ משיח.
ניט אמת גואל־לעבן?

— יאָ, נאָך ווי אמת, אָבער דערציייל שוין וואָס האָסטו געזען,
ווען דו האָסט אַריינגעקוקט דורכן פענסטער?

— היי הוי! געשפּענסטער! געשפּענסטער!
געזען דורך די שויבן,
ווי יעדער פּרוי מיט אירע טויבן,
איינגעשפּאַרט, איינגעשפּאַנט,
און יעדער בלאַס ווי די טויטע וואַנט,
די רעדער האָבן זיך געדרייט ווי פּלאַנעטן,
אין די פאַבריקן אַרום און אַרום האָבן אויסגעזען ווי קאָרסעטן
די רעדער האָבן זיך געדרייט איבער זייערע קעפּ ווי מילשטיינער,
די פרויען און מיידלעך ווייס, דין און פלאַך
ווי די קאָרסעטן־ביינער.
זיי האָבן געזיפצט, געלעכצט און געקרעכצט,
אָבער ווען די מאַשינען רוישן קען מען קיין זיפץ ניט הערן,
און דער שטויב דערשטיקט און עסט אויף טרערן.
דאָס אַלעס האָט אין מיר אָנגעצונדן אַ גרימצאָרן,
ביז עס איז מיר אַזש נישט גוט געוואָרן,
און ניט געוואוינט צו זיין אויף אַן אַנדערן אַ רייטער,
בין איך געגעבן אַ קנאַק אַראָפּ און געדיינק ניט ווייטער".

האָט משיח געגלעט ס'אייזעלעס ווייסן שטערן,
אָפּגעווישט זיין קאַלטן שוויס און הייסע טרערן,
זאָגנדיק: דו אייזעלע מיינס, דו אייזעלע שיינס,
דו וועסט מיר העלפן רעטן ס'פרויען געשלעכט
און ס'גאַנצע מענטשלעכע מין פון אונרעכט.
יאָ?

„יאָ!" האָט ס'אייזעלע צוגעשאָקלט לעבעדיק, פריש און דינאַמיש!
„ווי זאָגט פּרץ" מיין ניט די וועלט איז אַ קרעטשמע!"
און דאַמיט באַוויזן, דאָס הגם ער איז אַן אינטערנאַציאָנאַל וועזן,
דאָך איז ער אין דער יידישער ליטעראַטור קאָלאָסאַל באַלעזן!



# דאָס קאָרסעטן ליד

קאַפּ. ג.

ווען משיח מיטן אייזעלע זיינען אַרויס פון שטאָט,
האָט זיי נאָך דאָס קאָרסעטן ליד נאָכגעיאָגט
און זיך גערייצט מיט די זינגער
האָט יעדער צאָן און צונג פון ראָד!
טעררראַראָם! טעררראַראָם! טעררראַראָם!

אין שטאָט מאַכט מען קאָרסעטן,
אַ שוויגער זאָל אויסזען יונג ווי אַ שניר.
אין שטאָט מאַכט מען קאָרסעטן,
אַ אביון זאָל אויסזען ווי אַ שטייפער גביר.
טעררראַראָם! טעררראַראָם! טעררראַראָם!

קאָרסעטן פאַר פאָדערשטע לייבער,
און פאַרן אונטערשטן גוטן אָרט,
פאַר יונגע מיידלעך און פאַר ווייבער,
ווי אויך פאַר עקספּאָרט.
טעררראַראָם! טעררראַראָם! טעררראַראָם!

קאָרסעטן פאַר עלעגאַנטע פאַצעטן,
קאָרסעטן פאַר שטאָלצע ברוסטן,
קאָרסעטן וואָס בינדן קאַמעטן,
זיי זאָלן ניט קענען גלוסטן.
טעררראַראָם! טעררראַראָם! טעררראַראָם!

קאָרסעטן ביז צו די גאָמבעס,
צו יעדן גרויס און פרייז,
פאַנצערס געגן אַטאָם־באָמבעס,
פאַר עלפאַנטן און פאַר מייז.
טעררראַראָם! טעררראַראָם! טעררראַראָם!

מיט קנעפּלעך צו פאַרקנעפּן,
מיט העקעלעך צו פאַרטשעפּן,
„הוק ענד איי, הוק ענד איי",
מאַנעלע־ווייבעלע זיינען זיי.
טעררראַראָם! טעררראַראָם! טעררראַראָם!

(פאָרזעצונג פאָלגט)

## לעא קעניג

# אלדד און מידד זאָגן נביאות אין לאַגער

## די וואָס ווילן זיך ניט צוריקקערן...

אלדד איז מער „זעער“ ווי מידד: אלדד האָט מער ליב צו קוקן אין דער צוקונפט, ער איז מער, הייסט עס, באַשעפטיקט מיט די פּראָבלעמען פון דער צוקונפט, מיט די מער ווייניקער לאָגישע אַנטוויקלונגען פון די געגנוואַרטיקע סיטואַציעס; מידד ווידער איז סרוב באַשעפטיקט מיט דעם פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון דער געגנוואַרט.

אלדד איז וויזיאָנעריש, מידד אַנאַליטיש. אלדד׳ס קאָפּ און פאַנטאַזיע אין לעצטנס אינגאַנצן, קען מען זאָגן, אין ישראל — ער זעט שוין וואָס דאָרטן וועט זיך טון, וואָס פאַר אַ פּאַרטיי־צאַנקערייען עס וועלן דאָרט פּאָרקומען; ער הערט שוין, ווי איך האָב שוין געפּרוּווט איבערגעבן, די רעדעס פון די אַראַבישע דעפּוטאַטן אינם ישראל־פּאַרלאַמענט; ער זעט שוין אַפילו פּאָרויס אַ מין פּסיכאָלאָגישן קאָנפליקט צווישן דעם אייראָפּעאישן יידנטום און מזרח יידנטום אין דער דריטער יידישער מלוכה (אגב, האָט אויף דעם דואַליזם אין דעם מאָדערנעם יידנ׳ס פּסיכיק אָנגעוויזן שוין מיט יאָרן צוריק דער פּיי־נער, הגם צו פּאַראַדאָקסאַלער, ענגלישער שריפטשטעלער טשעסטערטאָן). מידד אָבער לעבט נאָך אַלץ, אַזוי צו זאָגן אין גלות מיט זיינע פּראָבלעמען, כאָטש ער קלויבט זיך אין גיכן באַזעצן זיך אין ישראל (און אלדד, וואָס זיין קאָפּ און פאַנטאַזיעס זיינען, ווי געזאָגט, אינגאַנצן שוין אין ישראל, וועט זיך שוין מסתמא אויסלעבן אין גלות).

אלדד דער כבד פּה, רעדט בליצאַרטיק, ווי דער רוח פון נבואה וואָלט פּלוצלינג אויף אים אָנגעפאַלן און ער וואָלט פּלוצלינג אָנגעהויבן שפּייען מיט פייער; ער האַקט זיך אַליין איבער די רייד, ער פאַרכלינעט זיך אויש, גלייך ווי אַ נייע וויזיע, אַ נייער געדאַנק וואָלט אים באַפאַלן אידער ער איז נאָך פאַרטיק געוואָרן מיט דעם ערשט אַרויסגעזאָגטן... מידד רעדט פיל געלאַ־סענער, ער קלויבט די ווערטער און שפּילט זיך מיט זיי ווי מיט פאַטשער־קעס, גלייך ווי ער וואָלט מיט זיי געוואָלט באַשרייבן עפּעס וואָס שטייט אים פאַר די אויגן... אפשר איז עס דערפאַר ווייל מידד האָט זיך אין דער יוגנט געלערנט צייכנען... האָט זיך מידד לעצטנס אַזוי צורעדט וועגן „די וואָס ווילן זיך ניט צוריקקערן“.

---

...„ס׳איז מער ווי מערקווירדיק, און דער קומענדיקער היסטאָריקער פון אונזערע אונגעהויער־גרויסע און טראַגישע טעג און יאָרן וועט זיך דערויף זיכער אָפּשטעלן, דאָס דווקא אין די טעג ווען די דריטע יידישע מלוכה האָט זיך אָנגעהויבן גרונטפעסטיקן איז די צאָל פון יידן וואָס גייען אַוועק פון אונדז, אָדער פון די אַוועקגעגאַנגענע אויסבאַהאַלטענע, וואָס ווילן זיך ניט צוריק־קערן אפשר גרעסער ווי סיי ווען אין אונדזער געשיכטע... און ס׳האָט דאָך אייגנטלעך געדאַרפט זיין פאַרקערט: אַ יידישע מלוכה ווערט דאָך אַ פאַקט;



דער חלום פונם צוויי טויזנט יעריקן גלות ווערט דאָך פאַרווירקליכט... מיר האָבן אַ מדינה, מיר האָבן אַ מיניסטאָרן קאַבינעט, מיר האָבן אַ יונגע אַרמיי, וואָס איז פאַרגלייכמעסיק אפשר די בעסטע צווישן די הייַנטיקע קליין־פעל־קישע אַרמייען און איז אפשר דער גרעסטער וואונדער וואָס אַ אַלט גלות־פאָלק, און נאָך אַזעלכע פאַטאַלע קאַטאַסטראָפעס ווי די לעצטע, האָט געקענט באַווייזן... וואָס דאַרפט איר מער, איך וועל אייך געבן אַ קליינע אילוסטראַ־ציע: ס׳איז מיר לעצטנס אויסגעקומען צו זען אַ וויזע פון דער מדינת ישראל אין אַ קענעדער פּאַספּאָרט, אונטערגעשריבן פון אַ יידישן וויצע־קאָנסול, און איך האָב ניט געגלויבט מיינע אויגן, און איך האָב געמאַכט דעם אמתן „שהחיינו“... די טרערן אין מיינע אייגענע אויגן האָב איך ניט געקענט זען... און ווי איר ווייסט בין איך, דאַכט זיך, אַ קאַלטער מענש וואָס האָט ליב צו אַנאַליזירן, צוצוגיין פאָרזיכטיק און קריטיש צו די פריילעכסטע דער־שיינונגען, אַפילו איך פאַרשטיי איבערהויפּט ניט, ווי אַזוי מען קען אין אונד־זערע לעבנס זיין אָפּטימיסטיש... און דאָך איז די יידישע מלוכה אַ פאַקט און מיין פריינד אלדד, ווי איר ווייסט, לעבט שוין בראשו ורובו אין ישראל און די פּראָבלעמען, וואָס וועלן דאָרט אַמאָל זיין... פאַר וואָס זשע האָבן נאָך אַלץ מורא די אַוועקגעגאַנגענע צו אונדז, צום פאָלק צוריקקומען? און פאַר וואָס האַלט מען נאָך אַלץ אין איין אַוועקגיין פון אונדז?

ס׳ליגט אונדז איצט ניט אין זינען צו מאַכן אַזעלכע סטאַטיסטיקס, אָבער איך וואָלט גאָרנישט איבערראַשט געוואָרן, ווען ס׳וועט זיך אַרויס אַז אַפילו די שמד באַוועגונג איז לעצטנס געוואָרן שטאַרקער... און אין דער צייט ווען אַ גרויסע טייל פון אונדזער אינטעליגענץ איז אָרטאָדאָקסאַל־יידישער און טראַדיציאָנעלער געוואָרן; און וואָס איז נאָך פיל וויכטיקער: אין דער צייט ווען דער חלום פון דער אומה איז פאַרווירקלעכט געוואָרן און „מיר האָבן אַ יידישע מלוכה...

פאַר וואָס זשע איז עס אַזוי? איז עס דערפאַר, ווייל די הונדערטער און טויזנטער יידן וואָס האָבן געזען דעם חורבן מיט די אייגענע אויגן און דעם מענטשנ׳ס נאַטור אין זיין גאַנצער חיה׳שער רויקייט און נאַקעטקייט, גלויבן שוין גאָרניט אין סיי וועלכע אידעאַלן, צוזאָגעכצן און פּאָליטישע פּערספּעקטיוון און פאַרלאָזן זיך שוין נור אויף זייערע אַנימאַלישע אינסטינקטן, וועלכע זאָגן זיי אונטער אַז מען קען קיין מענטשן, קיין מענטשלעכקייט און געטלעכקייט ניט טרויען, און אַז די איינציקע רעטונג איז „צווישן וועלף וואָיען ווי אַ וואָלף“: זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון די גאַז־קאַמערן צוליב זייער גליקלעך־צופעליקן ניט־יידישן אויסזען... זייערע קרובים און משפּחות זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן... זיי האָבן געזען ווי מען האָט זיי געיאָגט ווי... און זיי זיינען איצט אַליין אין זייער טראַגישן עלנט, געראַטעוועט, ווייל זיי האָבן געהאַט דאָס גליק ניט אויסצוזען ווי יידן... געפינען זיי ניט קיין כוח און גלויבן אין זייערע ווייסטע הערצער זיך צוריקקערן צו דעם „זעקס מיליאָניקן פאָלק“. זיי הערן אין זייער „פּרייוויליקער“ באַהעלטעניש פון עפּעס אַ

נייער ייִדישער מלוכה... זיי קוקן זיך צו פֿון זייער פּריוויליקער אָפּגעפרעמדקייט צו די ציטערדיקע פלעמלעך פון פרייד פון ייִדישע אויגן, אָבער זיי קענען ניט פאַרגעסן די „אַנדערע" ייִדישע אויגן פון פרויען, קינדער און זקנים, די אויגן פון די זעקס מיליאָן, די אויגן פון אַ פאַרשניטן פאָלק... און זיי קענען זיך ניט צוריקקערן... קענט איר זיך פאָרשטעלן זייערע קאָשמאַרן ביינאַכט? זייערע וויסטע שליוכצן פון שלאָף... זיי האָבן געזען מענטשן אין זייער נאַקעטער, חיה'שער רויקייט און זיי זיינען שוואַך, אויסגעשעפּט. אַלע סטרונעס פון גלויבן אין מענטשן און פעלקער זיינען צוריסן אין זייערע ליידיקע, וויסטע הערצער... און זיין לעצטער לעבנס־אינסטינקט זאָגט אים: אויב שוין יאָ לעבן איז לעבן ווי זיי און צווישן זיי... איך מוז פאַרגעסן אויב איך וויל לעבן, פאַרגעסן וואָס איך האָב געזען, פאַרגעסן מיין שטאַם, פאַרגעסן מיין פאָלק... זיינען ניט די טראַגישסטע און אומגליקלעכסטע מענטשן די וואָס מוטשן זיך מיט זייערע לעצטע כוחות צו פאַרלירן זייער זכרון?

---

...און ניט ווייניקער טראַגיש, האָט מידד ווייטער אומעטיק ווי צו זיך גערעדט, איז וואָס מיר וואָס זיינען געבליבן און ווילן בלייבן מיטן פאָלק און פרייען זיך איצט מיט אונזערע לעצטע כוחות מיט אונזער פאָלקישן ווידערגעבורט, האָבן ניט קיין כוח און וואָגן ניט צו רופן צו די פון אונזערע ברידער וואָס ווילן ניט, וואָס האָבן מורא צוריקקומען צום פאָלק און לאַנד: קומט צוריק, עס וועט שוין זיין גוט; מיר ווערן קאַמף און לעבנס פייאיק ווי אַלע פעלקער און מענטשן... קומט צוריק צו אונז ברידער, מיר האָבן שוין אַ לאַנד... פאַר וואָס טוען מיר עס ניט? פאַר וואָס רופן מיר זיי ניט צוריק? פאַרוואָס לאָזן מיר אַראָפּ אונזערע „ייִדישע" אויגן, ווען מיר טרעפן זיך אַמאָל מיט זייערע אַראָפּגעלאָזטע „קריסטלעכע" אויגן? איז עס ווייל מיר אַליין זיינען חלילה אויך ניט אינגאַנצן זיכער מיט אונזער צוקונפט און מיט אונזער גלויבן אין מענטשן און פעלקער? איך מוז זיך מודה זיין, האָט מידד אָנגעהויבן ענדיקן, אַז די וואָס ווילן פאַרלירן און צווינגען זיך צו פאַרלירן זייער נאַציאָנאַלן זכרון אינטערעסירן מיר מער ווי די פון אונזער פראַכטפולער געזונטער יוגנט וואָס האָבן אין די לעצטע יאָרן צוריק געפונען זייער נאַציאָנאַלן זכרון... די פּסיכאָלאָגיע פון די „ייִדישע" יוצאים איז פיל קאָמפּליצירטער, ווייל אַזוי קראַנק, און ראַפינירטער ווי די פּסיכאָלאָגיע פון די נייע געזונטע „האַלב אַסימילירטע" עולים וחוזרים... אפשר איז דערפאַר ווייל איך און מיר אַלע זיינען נאָך קראַנק, ווייל דער חורבן האָט אונז אַלע אַזוי טיף פאַרוואונדעט און באַליידיגט...

ווען איך בין געווען מיט יאָרן צוריק אין שפּאַניע, האָב איך, האָט זיך מיר ניט בלויז געדאַכט, באַגעגנט טויזנטער און טויזנטער שפּאַניש־ייִדישע אויגן, וואָס האָבן שוין לאַנג מיט הונדערטער יאָרן צוריק פאַרלוירן זייער ייִדישן זכרון... און זייערע אויגן האָבן דאַכט זיך נאָך טרויעריקער־ייִדיש געקוקט ווי אונזערע אויגן... איך האָב דאַן באַדויערט די ייִדישע פּנימער



און אויגן וואָס האָבן שוין אינגאַנצן פאַרלוירן זייער נאַציאָנאַלער זכרון... און וואָלטן מיר איצט פיל גליקלעכער געווען ווען זיי פאַרלירן ניט זייער נאַציאָנאַלן זכרון און געבן איצט צושטייער נאָך אַ מיליאָן צו צוויי צו אונזערע קרבנות? לעבן זיי, זיינען זיי איצט שפּאַניער לויט זייערע פאַרשידענע קלאַסן און שיכטן... מען מוז דאָך לעבן, לעבן זיי... אָן אַ נאַציאָנאַלן זכרון צו מיט אַ פאַלשן נאַציאָנאַלן זכרון... און איך וואָלט זיי איצט אודאי ניט גערופן צוריק... ווען איך וואָלט נור זיכער געווען אַז פון די אַוועקגעגאַנגענע און אַנטרונענע קומען ניט אַרויס אַזוי פיל ביטערע צוררי יהודים... עפּעס ווי דער פאַרלוירענער זכרון וואָלט „תשובה געטון דוקא דורך שנאה צו זיינע אַמאָליקע פאָלקס ברידער...

אָדער אפשר איז עס ניט קיין תשובה נור אַ מין פאַרשאַרפטער „זעלבסט־שוץ־מעכאַניזם": מיט וואָס און ווי אַזוי קען מען באַווייזן אַמבעסטן אַז מען איז ניט קיין ייִד, אויב ניט מיט אַנטיסעמיטיזם... און אין איין וועגס זיך און דעם אייגענעם געוויסן באַרעכטיקן און באַווייזן אַז די עלטער זיידעס האָבן געטון גוט וואָס זיי זיינען אַנטלאָפן פון ייִדן וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט...

אין דער לעגענדע אַז סאַוואָנאַראָלאַ האָט געשטאַמט פון ייִדן איז דאָך דאָ אַ געוויסע לאָגיק — די גליטשיקע, אַקראָבאַטישע לאָגיק פון דעם פינסטערן לאַבירינט, וואָס מיר רופן מענטשלעכע פּסיכיק.

---

## יוסף הלל לעווי

## רבי אמנון
(באַלאַדע)

1

וו ס'פּליסן פאַרכשופט צעזונגען און פאַלן
אין בעט זייער בלויען, באַגאָסן מיט שיין, —
די רוישיק צעשוימטע און איילקע וואַלן,
אין דייטשישן בוזעם פון טיף ברייטן ריין:
דאָרט טראָגט זיך אַן אייביק פאַרשכורטער ניגון,
פון מאַכט און גבורה — וואָס קאָן ניט קיין וויי;
און גלוסט נאָך אַלץ מער וואָס ער האָט נאָך צוקריגן,
פאַרהילעכט דעם בענקיקן פאַסטאַכס שאַלמיי...

וו ס'ליגן די פעלדער ווי קינדער אין חלום,
די וועלדער ביי הימלען פון בלויען קרישטאַל, —
ניט ווייט מיט זיין קליינער משפּחה בשלום,
דער צדיק הגדול געוווינט האָט אַמאָל:

אין מאַינץ — אין דער שטאָדט דאָרט דער אַלטער פּאַרצייטן,
גאַנץ נאָענט פון דעם פירשטן הגמונסנס הויף,
אַ נכבד ביים פירשט, און אַ נכנע ביי לייטן,
דער צדיק ניט שטאָלץ איז געווען דערויף.

פון תורה און חכמה, און מעשים טובים,
עס האָט פון זיין פּנים געלויכטן מיט פּראַכט, —
די שכינה, און ס'האָבן די פירשטלעכע אוהבים
און שרים, ביים פירשט אים געשעצט און געאַכט.
זיין קינדיש־תמימותדיק צערטלעכער שמייכל,
האָט תמיד ביי אים אויף די ליפּן געשפּילט,
דאָס אויג זיינס איז הייליק געווען ווי דער היכל —
פאַרצייטן, מיט טיפער קדושה פאַרפילט.

און ס'האָבן זיך אַלע עבדים, ושפחות,
געבוקט און געבויגן פאַר אים צו דער ערד,
און האָבן געבענטשט אים מיט טויזנטער ברכות
וואָס ס'איז זיי קיין פּראָסטער בן אדם ניט ווערט.
דאָך תמימותדיק פרום איז דאָס האַרץ זיינס פאַרבליבן,
און ס'האָבן זיך מצוות דאָרט שטיל אָן אַ צאָל, —
מתרבים געווען און זיי האָבן געטריבן
דעם צדיק אַלץ בעסער צו זיין וואָס אַמאָל...

2

ס'האָט פּלוצים דער אײדעלער הגמון באַפוילן,
אַ מאָלצייט אַ הערלעכן פירשטלעכן פעסט,
און ס'האָבן פאַרזאַמלט זיך אַלע גדולים,
און אויך רבי אמנון צווישן די געסט.
עס האָבן געשימערט די דופּטיקע זאַלן,
פון ליכטער — מיט רויזן און מירטן באַצירט,
און ס'האָבן די גאָלדענע שווערע פּאָקאַלן
ביינאַנד מיט טאָאַסטן גערוישט און געקלירט.

די שפּיגלען געשליפן מיט פּערל דורכפלאָכטן,
זיי האָבן פאַרשפּרייט אַ פאַרכשופטן פּראַכט,
און ס'האָבן די ליכטער אין זיי דאָרט געלאַכטן —
ווי גאָלדענע זונען אין טייכן פאַרנאַכט...



און פרויען צעבליטע ווי צייטיקע רויזן,
זיי האָבן געוויגט זיך צו'תאווה'ט אין טאַנץ,
און מוזיק־קאַפּעלעס מיט וואַלצערס וואָס ברויזן
זיי האָבן פאַרשיכורט דאָס האַרץ מיט זיי'ר גלאַנץ.

דער פירשט איז געזעסן דער פירשטין ביים אָרעם,
אַ גרויסער בריליאַנט אויף איר ברוסט האָט געברענט, —
און דאַמאָלט בשתיקה עס האָבן די שרים
גאַנץ צאַרט צו רבי אמנון אַזוי זיך געווענדט:
„מיר וועלן דיך חכם און מייסטער באַגליקן,
מיר האָבן גערעדט מיט דעם פירשט שוין דערפון —
דו זאָלסט נאָר קיין עקשן ניט זיין און זיך בוקן,
מיר וועלן דערהויבן דיין גליק צו דער זון...

ווען דו וועסט צום גאָט זיך פון ליבע אומקערן,
וועט ווערן גערופן דיין נאָמען פון היינט:
„דער גרעסטער בעל יועץ פון הויף און די הערן,
אַזוי האָט דער פירשט גאָר אַליין דיך געקריינט"...
דער צדיק ער האָט ניט קיין תשובה געגעבן,
נאָר פעסטער געבליבן ביי גאָט און זיין פאָלק,
דער פירשט פון זיין שטול האָט אַ סימן געגעבן —
און ס'זיינען די שרים אַוועק אָן אַ טאָלק...

דער ווייַן האָט געשוימט זיך, די מוזיק גערינען,
און זינגערינס האָבן אויף האַרפן מיט גלאַנץ, —
געהאַרפט און געזונגען, און פלייטן וויאָלינען:
זיי האָבן באַגלייט אים דעם פירשטלעכן טאַנץ.
עס האָבן צום ריטמוס אין פּיאַנישע טראַקטן
געוויגט זיך די טענצערינס יונג און דעקאָלט, —
באַצירטע מיט פּערל און דימענט סמאַראַגדן,
און האָבן די מענער פאַרפירן געוואָלט...

רבי אמנון אַליין נאָר איז טרויעריק געזעסן,
און שטיל אין זיין האַרץ האָט דאָס בלוט אים געטריפט,
פון זינדיקן הבל הבלים פאַרגעסן,
אין ליכט פון זיין גרויסער אמונה פאַרטיפט.
פון פירשטן די שוועסטער די שלאַנקע, באַחנטע,
האָט שטום אויף רבי אמנון געוואָרפן איר בליק,
עס האָט זי פאַרצויבערט זיין פּנים ס'צושיינטע
פון עפּעס אַ ווייט ניט־פאַרשטענדלעכן גליק...

3

אַמאָל ווען ס'איז הגמון געווען אין קומער,
געשיקט האָט ער רופן זיין נאָענטסטן פריינט,
דער צדיק געקומען איז בלייך און אַ שטומער
ווייל ר'האָט שוין געאָנט וואָס דער פירשט האָט געמיינט...
מכבד געווען האָט אים הגמון מיט פרות,
מיט טייטלען און טרויבן און גוטס אָן אַ צאָל,
און האָט אים מגלה געווען אַלע גזרות
וואָס ער האָט באַשטימט מיט זיין פירשטלעכן קהל.

און האָט אים אויך סודות פון פנקס געלעזן,
און האָט זיך מתנצל געווען פאַר אים,
און דאָך וואָס דאָס האַרץ זיינס איז אויסן געווען,
עס האָט נאָך געהאַלטן פאַרבאָרגן זיין שטים...
און ס'האָבן דעם פירשטן אַזוי מאַגנעטן
געצויגן די אויגן פון צדיק צעשיינט;
און פּלוצים דער פירשט האָט אַליין אים געבעטן —
פאַרטויש אים דיין גלויבן, אויף מיינעם מיין פריינט!...

פאַרשטיינערט און שטום איז דער צדיק געוואָרן,
דאָס האַרץ זיינס פאַרציטערט, דערשראָקן, באַשווערט,
און ס'האָט ניט קיין תשובה צום איידעלנס אוירן
דערגרייכט, ווי עס וואָלט ניט דער צדיק געהערט...
און נאָכאַמאָל האָט ביי אים הגמון געבעטן,
אַצינד מיט אַזוי אַ מין גיפטיקער שטים, —
וואָס האָט רבי אמנונס נשמה געטרעטן,
און מפציר געווען מיט רוגזה אויף אים!...

4

און צייטן עס זענען פאַרשוווּנדן, פאַרגאַנגען,
די וועלט האָט אין שניי זיך אין ווייסן פאַרהילט,
און ווידער עס האָבן דערהערט זיך געזאַנגען,
און הערצער זיי האָבן דערוואַכט מיט פאַרלאַנגען,
דער שניי איז צעריגען, דאָס אייז איז צעגאַנגען,
און ס'האָט זיך דער פרילינג מיט פאַרבן צעשפּילט.

און ווידער גערופן פון מאַינץ האָט דער שררה,
דעם צדיק אַהיים מיט אַ כּיוון צו זיך, —
באַפלעקן געוואָלט דורך אַ טרפהנער סברה —



דער גאָלדענער, ריינער אמונהס עטרה,
און טרייבן דעם צדיק אַריין אין אַ צרה,
און פאַנגען זיין גרויסן און הייליקן איך...

ווי נאָר רבי אמנון צום פירשט איז געקומען,
דערלאַנגט האָט דער פירשט אים זיין אייגענעם שטול,
מיט ליבלעכע בליקן אַרום אים גענומען,
באַקראַנצט אים מיט ווערטער — ווי לאָרבער און בלומען,
דער צדיק איז טיף אין אַ פּחד פאַרשווומען,
זיין האַרץ איז געוואָרן פון אַנגסט איבערפול.

נאָר קוים איז געקומען צו זיך און גענעזן
דער צדיק אַ ביסל פון פריִריקן שרעק,
האָט ווידער דער פירשט אויף אים מפציר געווען:
„פאַרבייט אים דיין גלויבן, איך שווער ביי מיין וועזן —
דו ווערסט מיר, וואָס ס'איז מיר נאָך קיינער געווען;
דער גרעסטער בעל יועץ, מיט גליק אָן אַ ברעג!

די דייטשע מדינה צווישען וועט וויסן,
אַ חכם, אַ קענער, אַזאַ ווי דו ביסט,
וואָס קאָן יעדן סוד מיט זיין שמייכל אויפשליסן —
אַז יעדער זאָל קאָנען דיין חכמה געניסן...
און פאָלן דאָס פאָלק וועט מיט דאַנק דיר צופיסן,
און אַכטן עס וועט דיך איעדערער קריסט!

עס וועט צו לטובה אויך זיין דיינע ברידער,
זיי וועלן זיך גרויסן מיט דיר יעדע צייט,
עס וועט זיך ניט קיינער דיר שטעלן דערווידער —
און האַלטן עס וועלן דיין וואָרט דיינע ברידער,
אַזוי ווי אַ הייליקע תפילה אין סידור,
ווייל יעדערער ווייסט וואָס דאָס וואָרט דיינס באַדייט...

דערפאַר זאָלסטו יעדעמען געבן אַ צייכן,
באַווייזן ווי גוט און דערהויבן דו ביסט,
און לייכטן דיין חכמה עס זאָל אָן אַ גלייכן,
אַזוי ווי די זון פון די ווייטעסטע הייכן —
פאַר וועלכער אַ יעדעס ליכט מוז פאַרבלייכן,
וואָס ניט פון דער אמתער חכמה עס פליסט"...

און ס'זיינען געקומען טייוּלאָנים מזיקים,
און האָבן דאָס ליכט פון דעם צדיק פאַרשטעלט.

פארטריבן דעם זכות פון די גרעסטע צדיקים,
און האָבן געליאַרעמט ווי ווילדע דיבוקים,
ביז ס'האָבן די פינסטערע שדים מזיקים —
צעטרייסלט פון הייליקן צדיק די וועלט!...

און שטאַרקער דאָס קול איז פון הגמון געוואָרן,
דעם גדול געשליידערט אַראָפּ אויף אַ וואָג,
און פלוצים דאָס ציגגל איז וואַקליק געוואָרן,
ווי ס'וואָלט זיך דער צדיק אַ ווילע פאַרלוירן —
זיין גרויסע נשמה איז נכשל געוואָרן,
זיין צונג האָט געפּליסטערט: „גיב צייט מיר צוויי טאָג!"

ווייל האָבן געוואָלט האָט דער צדיק מנוחה,
און האָט ניט קיין אַנדערע ברירה געהאַט,
זיין גליק איז געוואָרן אַ ביט'רע מערכה,
ס'איז נעלם געוואָרן פון אים יעדע ברכה
און ער האָט שוין קיינמאָל ניט ג'האָט קיין הצלחה —
ווייל הגמון ט'געמיינט אַז ער האָט זיך געשמדט!...
(המשך קומט)

## ד"ר יעקב י. מייטלים

# די קאַטאַסטראָפע־יאָרן פון ת"ח ות"ט

(היסטאָרישע רעפלעקסן)

אַן אויסגעבלוטיקטע, אַ צוטראָטענע און אַ פאַרשוועכטע איז אייראָפּע געלעגן נאָך דער דרייסיק־יאָריקער מלחמה. דאָס דעמאָלטיקע דייטשלאַנד מיט זיינע פירשטנטימער און איינצעלנע מיליטאַנטע שבטים איז, פונקט אַזוי ווי איצט נאָך אונזער גרויסן חורבן, אַרויס פון דער וועלט־מלחמה מיט רסוק אברים. דער קריג האָט אומעטום איבערגעלאָזט פאַרניכטונג און פאַרוויסטונגן. דאָס לאַנד איז געווען צושטערט און אויסגעראַבעוועט, די פעלדער און אַקערס צזטראָטן פון די אומצאָליקע פרעמדע אַרמייען, וואָס האָבן זיך אויף זיי גע־שלאָגן. די ליידן פון דעם פאָלק זיינען געווען אין לשער. די גרויסע מאָסע פון דער באַפעלקערונג איז געווען פאַראָרימט, געפּלאָגט פון הונגער און ווילדע קראַנקייטן. דער מענטש איז געוואָרן רוי און פאַרחיה'שט. אלס אַ מאַכט־פאַקטאָר איז דייטשלאַנד געווען עלימינירט. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס וועט שוין נישט מער קיין תקומה האָבן.

ערשט דאָס יאָר 1648 האָט דער מידער און אויסגעמאַטערטער וועלט גע־בראַכט דעם דערווינטשטן שלום. די פעלקער האָבן גענומען אויפבויען דאָס



צובראָכענע לעבן און אויפשטעלן זייערע חורבות. עס איז געקומען די צייט, וואָס האָט געבראַכט רו און שלום פאַר מערב־אייראָפּע, פאַר דעם וואַגיקן און שטאַמיקן יישוב פון יידן אין פוילן איז דאָס אָבער געווען אַ יאָר פון פורעניות און רציחות, פון ביטערע ליידן און אומקום.

פעסט איינגעפונדעוועט איז דעמאָלט געווען דער יידישער יישוב אין פוילן, טיף אין באָדן האָבן געגרייכט זיינע מעכטיקע וואָרצלען, וואָס האָבן זיך געהאַט רחבותדיק צעוואַקסן און פונאַנדערגעשיקט זייערע שפּראָצונגען. פוילן מיט זיינע רבנים און גאונים, מיט זיין גייסטיקייט און אייגנאַרטיקייט איז געווען די קרוין פון וועלט־יידנטום. נאָך שפּאַניע האָט איצט פוילן איבער־גענומען די העגעמאָניע, געוואָרן דער מרכז פון דער וועלט־יידישקייט. בכלל איז דער 16־טער יאָרהונדערט געווען דער „תור הזהב", די גילדענע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון יידן אין פוילן. דאָס לאַנד האָט געשם'ט מיט זיין תורה און חכמה, מיט זיין נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער אויטאָנאָמיע, וואו אויף דעם רייכן, פעטן באָדן איז זיך מלכותדיק צעוואַקסן אַ נייער יידישער לעבנס־שטייגער. דערציילט אונז טאַקע דער מיטצייטלער פון די קאָזאַקישע אויפ־שטאַנדן, דער כראָניקער פון „יון מצולה", נתן נטע האַנאָווער, אַז „אין דער גאַרערע מדינה פוילן איז נישט געווען קיין אין הויז, וואו מען זאָל נישט לערנען תורה". די תורה מיט דעם צוגאָב פון עכט־פּוילישע חריפות און פלפול איז געוואָרן דער יסוד פון טאָג־טעגלעכן לעבן. דער תמצית פון אינטעלעק־טואַליזם און מעטאַפיזיק צוזאַמענגענומען.

* * *

הגם די קאָלאָניזאַציע פון אוקראַינע (אין די מזרח־געביטן פון פוילן) האָט זיך אָנגעהויבן שוין אַ סך פריער, האָט זי זיך ערשט ריכטיק צובליט נאָך דער אַזוי־גערופענער לובלינער אוניע פון יאָר 1569. פון אָנהויב האָט די קאָלאָ־ניזירענדיקע פוילישע שליאַכטע צוגעצויגן די מער פאַרמעגלעכע יידישע עלעמענטן, שפּעטער אָבער איז דער טעמפּאָ פון דער קאָלאָניזאַציע געוואָרן אַ גיכערער, יידן פון די אינעווייניקסטע טיילן פון פוילן און פון אויסלאַנד האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין די נייע, עקאָנאָמיש פּראָספּערירענדיקע געביטן אין יידישע יישובים האָבן דאָ אָנגעהויבן אַלעס וואַקסן און זיך פאַרמערן. עס זיינען אַנטשטאַנען אַ ריי אָנגעזעענע קהילות, צווישן וועלכע ס'האָט ווייט און ברייט געשם'ט אָסטראָה, די הויפּטשטאָט פון דער וואָלינער וואָיעוואָדעשאַפט, מיט אירע רבנים־גאונים ווי דער מהרש"ל (ר' שלמה לוריא), מהרש"א (ר' שמואל אידלש) און דער ט"ז (ר' דוד ב"ר שמואל הלוי).

יידן פאַרנעמען זיך אין די דאָזיקע ראַנד געביטן בדרך כלל מיט האַנדל און אַרענדעס. זיי אַרענדירן פון די פּריצים מאַיאָנטקעס, וואו זיי זיינען אַב־סאָלוטע בעלי־הבתים, האָבנדיק אַפילו דאָס רעכט צו טשעפּן די פּויערים מיט טויט־שטראָף. יידן פאַרנעמען זיך אויך מיט עקספּאָרט און אימפּאָרט. זיי עקספּאָרטירן תבואה, געהילץ און אַ ריי אַנדערע אַגראַרישע פּראָדוקטן און טראָגן אומעטום אַריין אַווירטשאַפטלעכע אויפלעבונג.

זייענדיק א וויכטיקער מקור פון הכנסה פאר די מאגנאטן, באקומען יידן פון זיי ברייטע פריווילעגיעס און ווערן שטארק פראטעזשירט. זיי האבן, דערציילט אונז יעקב שאצקי אין זיין אריינפיר צום „יון מצולה“, „די פולע פרייהייט צו עקספלואטירן דאס לאנד און די מענטשן, ווי אויך דאס רעכט צו האבן מאיאנטקעס, ארענדירן גאנצע שטעטלעך און דערפער און מאנען שטייערן“. כדי צו באפרידיקן די אומדערזעטלעכע געלט־אפעטיטן פון די שררות און דעקן די שווערע התחייבותן לגבי זיי, מוזן די יידן עקספלואטירן די ארענדירטע גיטער ביז גאר, אויספרעסענדיק דאס לעצטע פון די אוקראאינישע פויערים. עס האלט אפילו אזוי ווייט, אז יידן, וואס האלטן אין ארענדע די צערקווס, דערלויבן נישט צו טויפן קיין קינדער, כל זמן מען באצאלט נישט א ספעציעלע שטייער. דער רעכטלאזער, פארשקלאפטער פויער צוזאמען מיטן דעקלאסירטן בירגערטום ברענען מיט האס צום ייד מער ווי צום פריצישן מאגנאט.

ווי אזוי אפט אין דער געשיכטע, שטייט ווידער אמאל דער ייד צווישן דעם האמער און קאוואדלע. זייענדיק ארומגערינגלט פון א פיינדלעכן פויערטום און בירגערטום, האבן זיך די יידן געמוזט אריענטירן אויף דער פריצישער מאכט. „די דאזיקע סיטואציע“, פירט שאצקי אויס, „וואס איז געווען זיי פיינדלעך רעליגיעז, נאציאנאל און עקאנאמיש, איז געווען די סאמע טראגישסטע פאליטישע אריענטאציע, וואס די יידן האבן געקאנט האבן צו יענער צייט“. עס איז זיי אפגעגאנגען מיט בלוט.

זייענדיק פאראימט און אונטערדריקט, האט דער פויער גענומען רעוואלטירן. רעוואלטירט האט ער אייגנטלעך קעגן זיינע אונטערדריקער, די פוילישע שררות. אבער בדיעבד איז דער קאמף אנגעגאנגען קעגן דעם ייד, וואס איז געווען דעם שררה'ס אינסטרומענט, זיין פאליטישער און סאציאלער פארבינדעטער. צוגעשטאנען זיינען באלד די קאזאקן, א האלב־מיליטערישע, האלב־פויערישע קאסטע, וואס די פוילישע מאכט האט אין שלום־צייט באנוצט צו פארטיידיקן די גרעניצן קעגן די אנפאלן פון די טאטערן.

דער מוראדיקער שטורעם פון די יארן 1648־9 מיט זיין רעוואלוציאנער־באפרייענדיקן עלאן, האט זיך מיט זיין גאנצער שווערקייט און טראגיק אראפגעלאזט אויף די קעפ פון די יידן. כמעלניצקי מיט זיינע קאזאקן האבן אנגעהויבן זייער באפרייאונגס־קאמף קעגן די קאטויליש־פוילישע גרויסמאגנאטן און גלחים מיט א קאמפיין פון טאטאלער פארניכטונג און אויסראטונג, פון רציחות און בעסטיאלישקייטן לגבי די שוצלאזע יידן. די ענויים און אכזריותן פון די פייניקער האבן גאר קיין ברעג נישט געהאט. ווילד, חיה'ש האבן זיי געפייניקט,, געשענדעט, פארשוועכט און געקוילעט. ביז איבער די קנעכל איז מען געגאנגען אין יידיש בלוט. אומעטום, וואו כמיעלניצקי מיט זיינע חיילות זיינען אנגעקומען, האבן זיי געזייט טויט און חורבן. בליענדיקע יידישע ישובים, דער זיץ פון תורה און חכמה זיינען געווארן פארשניטן איבער נאכט.

* * *



זיינען אבער אויך פאראן אין דער דאזיקער פינצטערער עפאפייע פון יסורים און אומגליק, ליכטיקע מאמענטן פון קדושה און גבורה. פוילישע יידן פון די קאטאסטראפע־יארן האבן, פונקט אזוי ווי פריערדיקע און היינטיקע דורות, פארשטאנען דעם ווערט פון קאמף און ווידערשטאנד. זיי האבן נישט געוואלט זיין די שוצלאזע צאן קדשים, וואס זיינען מקבל זייער גזר דין באהבה און שטרעקן אויס די העלדזער צום שונא'ס מעסער. פונקט אזוי ווי די מורדים, די העלדישע געטא־קעמפער פון היינט, האבן די יידן פון אמאל געשטעלט דעם בלוטיקן שונא א ווידערשטאנד מיט געווער אין דער האנט. מען האט געקעמפט אין נעמיראוו, מ'האט זיך פארטיידיקט אין טולטשין, וואס איז געווען א פעסטונג און ווו, לויט די עדות פון דעם מחבר פון „יון מצולה“, „האבן זיך אהין פארקליבן אן ערך צוויי טויזנט יידן און צווישן זיי זיינען געווען מוטיקע שטרייטער, געניטע אין פירן מלחמה“. פון דער פעסטונג פלעגן די יידן צוזאמען מיט די פאליאקן, וואס האבן זיך דארט געפונען, שיסן אויף די שונאים. „און די יוונים זיינען אנטלאפן פון די יידן, און יידן האבן זיך געשטארקט און האבן זיי נאכגעיאגט און געהרגעט פון זיי עטלעכע הונדערט מאן“.

לײדער האבן די פאליאקן אין נעמיראוו ווי אין טולטשין פארראטן די יידן און זיי איבערגעענטפערט אין די הענט פון די שונאים. אויך דעמאלס, ווען עס איז שוין געווען כלו כל הקצין און דער שונא איז שוין געשטאנען אין די טויערן פון שטאט, האבן די יידן באשלאסן צו שטארבן א העלדישן טויט, אין גלייבן אין קדושה, אידער זיך אונטערצוגעבן און זיך לאזן שמדן אויף דער פראוואסלאוונער אמונה.

אויך אין פאלאנע האבן יידן געשטעלט א העלדישן ווידערשטאנד. דערציילט אויך וועגן איר נתן נטע האנאווער, אז עס האבן זיך אין שטאט געפונען חוץ פאליאקן א צוועלף טויזנט יידן „און צווישן זיי זיינען אויך געווען גבורים“. דאס אומגליק האט געוואלט, אז אויך דא האבן די היטער פון דער שטאט ארויסגעגעבן די שטאט אין די הענט פון די שונאים, וואס האבן שפעטער געמאכט א שחיטה צווישן די יידן.

אין דער שלאכט פון זאסלאוו האבן הונדערטער יידן געקעמפט צוזאמען מיט דער ארמיי פון פוילישן קיניק קאזימיר, וואס האט זיך סוף כל סוף געענדיקט מיט א נצחון פון די פוילישע חיילות איבער כמיעלניצקי'ס באנדעס מיט די טאטערן.

(המשך קומט)

„ירושלים“ פון א. נ. שטענצל

א בוך פון איבער 140 זייטן — לידער, פאעמעס, באלאדעס

פרייז: 7/6

צו באקומען אין אלע בוכהאנדלונגען

## ס. פּאַלמע

## רעגנבויגנס...

1

כ'האָב מיין מזל אָנגעהאַנגען
אויף אַ רעגנבויגן,
אַדלער־פליגלען זיך באַהאַפטן
און מיט זיי געפלויגן:

העכער, העכער איבער וואָלקנס,
נענטער צו די הימלען:
וויזיעס האָב איך דאָרט געשטאַלטיגט
אין מיין אייביק דרימלען.

נ'אַז איך האָב אַמאָל באַגעגנט
פליענדיקע שוואַנען,
ווי אַ פרעמדער ניט באַגריסט זיי,
ניט געפרעגט פון וואַנען.

ניט געפרעגט זיי — וואו, צו וועמען,
וואו זיי רוען, נעסטן
און פאַרוואָס דער פליגל־פלאַטער,
האָבן זיי צו קעסטן...?

2

ס'האָט מיראַזש אַזוי גענאַרט מיר
און פאַרנאַרט וואָס ווייטער:
נאָכגעיאָגט דעם „בלויען פויגל"
און די כישוף־רייטער.

און מיט אויסגעבאַרגטע פליגלען
העכער זיך געהויבן:
כ'האָב פאַרגעסן אַז דער אַדלער,
שטענדיק לעבט פון רויבן...

און אויף זיינע פעלזן־שפּיצן
היים פאַר זיך געשאַפן:
כ'האָב פאַרגעסן אַז די שררות,
ליבן שטענדיק שקלאַפן;

כ'האָב פאַרגעסן צייט און יאָרן,
אייגענע געשיכטע:
אַלץ געזען אין מיין שיכרות, —
פאַרזעען פיילן געריכטע...



3

האָבן פליגלען אויסגעשפּרייטע,
פליענדיק געבראָכן
און די דערנער אין מיין פאַלן,
ס'האַרץ מיינס דורכגעשטאָכן.

בין איך יתום'דיק געלעגן
מיט די הענט צעפירטע:
ווי אַ בלינדער און מיט פינגער,
ציטערנדיק וויברירטע:

אינ'ם חלל אומגעזוכט דאָן,
עפּעס אָנצוהאַלטן;
האָט סאַרדאָניש אַלץ צעלאַכט זיך —
שקר איז באַהאַלטן!...

דאן האָט פאַן, די רויט־געפאַרבטע,
אינ'ם האַרץ געבלאָסט זיך:
ס'האָבן ווערטער אויפגעשריבענע,
דעמלט זעלבסט געהאַסט זיך

כ'האָב דערמאָנט זיי, די הבטחות: —
ברידער, היתכן...
כ'האָב די פאָן דאָך הויך געהאַלטן,
גלויביק מיט בטחון?!...

4

אַזוי האָט שטענדיק מיך מיין מזל
רוגזה'דיק געשטויסן:
ס'האָט געפרייט מיך פרעמדער נחת,
שטענדיק נאָר פון דרויסן...

און פון פרעמדע רויזן־גערטנער,
רויזן שטעטס געריסן
נ'אַז אַ שטעכל האָט פאַרוואונדעט,
האָט געוויינט געוויסן...

האָב איך פּלוצים וואו באַגעגנט
פּנים'ער באַקענטע: —
ברידער מיינע אין אבלות,
אויגן אָפּגעווענדטע...

און צווישן זיי, מיין ברודער דוד,
אויגן מאטע, שטארע,
ריפן־ביינער אויסגעשטארצטע,
פינגער־ביינדלעך דארע.

כ'האב פארשעמט זיך פאר מיין ברודער
און מיין האנט געשטרעקט אים,
ס'האט מיין ברודער נישט דערקאנט מיך,
גארנישט האט געוועקט אים:

נישט די טרערן, נישט מיין טרויער,
נישט דער זעלבער יחוס; —
וואו קאן אנדערש זיין מיין גאנג איצט,
דו ווייסט עס, — ווי ווייס איך עס?...

ס'איז דער גאנג פון דיר מיין ברודער
אייכעט מיין ווי דיינער —
דארט וואו מיינע ברידער גייען,
איז דער וועג אויך מיינער!...

# אדאלף רודניצקי

## דאס אנטרינען פון יאסנע פאליאנע!
(שלום)

דער פאטער האט געענטפערט: געדענקסט אפשר אויך אנדערע ווערטער פון א פוילישן דעלעגאט? — מעריב? יא, מיר קענען דעם מעריב. אלע צוואנציק יאר באפאלט אונז דער שכן פון מעריב, מארדעט אויס אדער נעמט אין געפאנגענשאפט אונזערע מענטשן, פארוויסטעט אונזערע שטעדט, האקט אויס די וועלדער. זיי מודה, אז ווען מען הערט אזעלכע דיבורים, גלוסט זיך אמאל אהינצופארן צו רעגולירן די וואגשאל. פונדעסטוועגן איז די דאזיקע נסיעה מיינע נישט געווען בלויז א זשעסט... האפער האט איבערגעהאקט און נישט דערזאגט דאס, וואס ער האט געהאט בדעה צו זאגן. אין א ווײלע ארום האט ער זיך אנגערופן: אפשר ווילסטו הערן ווי אזוי עס איז אומגעקומען דיין חבר, דער גרויסער דייטשער פאעט, יאאכים שווארץ? אין 1933, ווען מיר זיינען אריבער אויף מעריב, איז שווארץ אוועק אין זיין געבורטס־שטעדטל, ערגעץ אין גאליציע. דארט האבן געלעבט זיינע עלטערן. אזוי ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז א פוילישער בירגער, און האט רעכט דארט צו וואוינען, איז ער שוין דארט פארבליבן. ווען די דייטשן זענען אהין אריין האבן זיי, ביים אנהויב פון זייער אקציע אלעס פינקטלעך אדורכגעפירט. צום ערשטן האבן זיי פארלאנגט ארעמע לייט, כלומרשט צו פארלייכ־



טערן די לאגע אין דער גמינע פארוואלטונג, האט מען אוועקגעגעבן די ארעמע, געווארפן פאר די הינט... שווארץ'ס עלטערן זענען געווען ארים, זענען זיי צום ערשטן, אין וואגאנעס אויסגעשיט מיט אומגעלאשענעם קאלך, געפארן קיין בעלזיץ אין יענע קרעמאטאריומס. יאאכים איז דערווייל ניצול געווארן. צווישן אט די ערשטע קרבנות ביז דער שפעטערדיקע גאנצלעכער ליקווידירונג איז כלומרשט שטיל געווען. קרבנות פלעגן דאך זיין. אין שטעדטל איז בארימט געווארן א זשאנדארם מיט א צונאמען „דאס גאלדענע הענטל". ווען ער איז געווען אויף דער וואך, האט ער געשאסן צו יידישע פאליציאנטן אי דערפאר, וואס זיי האבן זיך אים געמאלדן, אי פאר דאס, וואס זיי האבן זיך אים נישט געמאלדן. ער פלעגט זיך אויך טרענירן און שיסן גלאט אין המון אריין. זיין שיסן צו די פאליציאנטן האט אים נישט געשטערט ער זאל מיט זיי טרינקען. ער איז געקומען אין באגלייטונג מיט נאך א זשאנדארם. אויף וועלכן ער האט געזאגט, אז יענער וועט קיינמאל ניט זיין קיין גוטער דייטש: שוין ביים דערשיסן דאס אכצנטע קעפל, חלשט ער! „זא אין דרעצק!" אים, „דער גאלדענער האנד", איז די האנד קיינמאל נישט שוואך, נישט קוקנדיק אויף דער צאל קרבנות. ווען ער האט אמאל געשאסן אין המון אריין, און מען האט אים דערציילט, אז איינעם א ראנירטן האט מען אוועקגעפירט אין שפיטאל אריין איז ער אהין געגאנגען און האט אים דערוישט נאך דער אפעראציע, די דאקטוירים האבן די קויל ארויסגענומען. דער אומגליקלעכער, אפגעשוואכט פון דער אפעראציע, איז געשלאפן. די „גאלדענע האנד" האט געמאכט א ליארם, אז אלע זענען געווען איבערראשט פון דעם איינדרוק, וואס דאס געשריי האט געמאכט אויף דעם ראנירטן. ער איז אויפגעשטאנען ווי שיכור. דער וועכטער האט אים געהאלפן זיך אנטאן און „די גאלדענע האנד", נישט האבנדיק קיין צייט, האט באלד אויפן ארט, אויפן תויף אים דערשאסן. אזוי איז אומגעקומען יאאכים שווארץ, איינער פון די שענסטע דייטשע פאעטן. און ווייסט, ווער עס איז געווען „די גאלדענע האנד"? דאס איז געווען אונזער פריזער פון קלאשטארנע גאס, שמידטקע. געדענקסט שמידטקע'ן? איך בין געפארן קיין פוילן נאכאמאל צוצוקוקן זיך צו די דייטשן.

טעאדאר צום פאטער: — אזוי טאקע האב איך איר ערקלערט זיין נסיעה: האסט געוואלט אנטרינקען דעם אויסגעטריקנטן קוואל פון האס. שטארקן די שנאה, וואס האלט ביי שוואך ווערן. דאס איז געווען דער ציל פון דיין רייזע. האסט מורא געהאט זאלסט זיך אונז נישט אונטערגעבן. זעסט, האנעמאן האט מער סיבות צו זיין שנאה, מען שמועסט פון זעקס מיליאן שווארצעס, זענען דאך אים נאנטער ווי דיר. פונדעסטוועגן האט ער נישט נאר פארגעסן, נישט דו אים נאר ער דיך רעדט אן צוריקצוקומען. דו מיינסט, אז עס איז נישט מענטשלעך וואס די צייטונגען דרוקן וואסערמאנען, צווייג'ן, זאגסט. אז דא שטעקט עפעס אזוינס מיט וואס דו קאנסט זיך נישט אייניקן. וואס? ווי? ניין! די גאנצע פילאזאפיע שטעקט אין דעם, אז היינט פרעסן

די יעניגע, וואָס האָבן נעכטן געהונגערט און די יעניגע וואָס מען האָט נעכטן אויפגעהאַנגען זענען היינט אַנערקענט אַלס גרויסע. אַזוי גייט אייביק די געשיכטע. נאָר יענע, וואָס זענען פאַרטון אין די ביכער, אָפּגעריסן פון לעבן, פון אמתן אויסזען פון לעבן, זיי דענקען אַנדערש. וועסט דיך אוודאי אויסלאַכן, אַז איך וועל דיר זאָגן, אַז דו, דער קלוגסטער פון די קלוגע ביזט נתפּעל געוואָרן פון דער גרויל־פּראָפּאַגאַנדע, גלייך מיט אַלע קליינטשיקע. לאַך נישט! די טראָמפּייטן פאַרהילכן אַלע. די נייע מאַשין פון פּראָפּאַגאַנדע איז אַ שרעקלעכער אינסטרומענט, אפשר דער שרעקלעכסטער. דעם גאַנצן געדאַנק נעמט עס אַוועק די מענטשן, זייערע איבערצייגונגען, געשפּייזט, כסדר, טאָג ווי נאַכט, דורך דער דאָזיקער שרעקלעכער מאַשין, בלייבט דער היינטיקער מענטש ווייך ווי וואַקס. די גאַנצע צייט פון דער מלחמה ביזטו געווען אין אַמעריקע, ביזטו אומשטאַנד אויסצורעכענען די אַלע טויט לאַגערן. ווייסט, אַז די דייטשן זענען אַנפאַלערס. יאָ! אַנפאַלערס. זיי האָבן געבויט קרעמאַטאָריומס? יאָ! זיי האָבן געמאָרדעט ערובניקעס? אמת! דאָס איז געווען אַזאַ פאָלק, וואָס אין מענטשלעכן מוח קאָן מען זיך נישט אויסמאָלן? אמת! די ענגלענדער זאָגן, אַז קיין שום פאָלק אויף דער וועלט וואָלט נישט געקאָנט פאַרטראָגן אַזאַ רעגירונג. מיר ווינטשן אַנדערע פעלקער זיי זאָלן נישט קומען צו דעם נסיון צו ערקונדיקן זיך, אַז מיט יעדן אַנדערן פאָלק וואָלט מען געקאָנט מאַכן דאָס זעלבע. ווי לייכט עס איז צו צורייבן אַ פאָלק, צו צורייבן אַ מענטש, ווייסט גאָר נישט. אַ מענטש איז כחרס הנשבר, אַזוי איז די גאַנצע מענטשהייט. זיי, די ענגלענדער און פראַנצויזן איז ערלויבט צו זאָגן, אַז נאָר מיט אונז האָט מען געקאָנט אַזוי מאַכן, זיי זענען דאָך אונזערע שונאים. אָבער דו? דו, אַ דייטש, אָדער ווי ווילסטו ליבער, אַ מ ע נ ט ש! דו, וואָס שטייסט מיט דעם אַפּטייקערס וואָג אין דער האַנד און וועגסט מענטשלעכע יסורים? פאַרוואָס לייגסטו אויף דיין וואָג אַלע ליידן אויסער אונזערע? אַנפאַלער? אמת! רוצחים? אמת! אָבער דו קאָנסט נישט זיין בלויז אַ פּאָליטיקער. פאַר דיר דאַרפן ליידן זיין ליידן אָן שום תירוצים. דיינע אויגן, וואָס זען אַלע אַנדערע קרבנות, פאַרוואָס זען זיי נישט אויך אונזערע? פאַרוואָס זעסטו נישט די דייטשע זעלנער אין יענע ווייטע רוסישע סטעפּעס געפּייניקט פון פראָסט און היץ, זעלנער וואָס זענען פאַראַכטעט פון אַלע, אָן רעכט צום לעבן? פאַרוואָס זעסטו נישט די דייטשע מוטערס און קינדער, וואָס זענען גאַנצע יאָרן געוואָרן באַגאָסן דורך די ענגלענדער מיט שוועבל? פאַרוואָס הערסטו נישט דעם יאוש וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן געקלאַפּט אין אונזערע הערצער? יאָ! די דייטשן זענען צוגעקומען אַזש ביז די גרעניץ סטעפּעס, אָבער וויפיל האָבן זיי אַליין געליטן?

האַנעמאַן האָט מיר דערציילט אַ קלייניקייט: אַ דאָקטאָר אַ ייִד פון מזרח, וואָס היינט לעבט ער אין פּאַריז פון דעם, וואָס ער בייט הויזן, האָט ווינטער 1943, באַלד נאָך סטאַלינגראַד, זיך געטראָפן מיט אַ דייטשן זעלנער, אַ פּראָסטער זעלנער, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט, געזוכט דייטשן. דער דאָק־



טאָר האָט געזען זיינע אויגן, זיינע ליפּן. „אָט האָסטו אים דאָ, ערמאָרדע אים!" האָט צו זיך דער דאָקטאָר געזאָגט. מען האָט אָבער ניט געקאָנט בייז זיין, זעענדיק דעם זעלנערס דלות, מיט די אויגן וואָס זענען אין גאַנצן ענלעך צו די ייִדן וואָס מען לאָדנט אין די וואַגאָנעס. ווייסטו, וואָס דער דאָזיקער דאָקטאָר האָט דעמאָלס אין זינען געהאַט: די דייטשן מאַכן אפשר די ייִדן אַזעלכע שרעקלעכע צרות דערפאַר, וואָס זיי אַליין ליידן אַזוי פיל, ווען זיי האָבן זיך אַריינגעיאָגט אין אַ פּולאָפּקע אַריין. ווער איז מער פון דיר מחויב צוצובייגן זיך צו די דייטשע יסורים? פאַרוואָס זאָגסטו אָפּ דיינע אויגן און דיינע אויערן פאַר די דאָזיקע וואָס האָבן צו זיי אַממערסטן רעכט?

דער פּאַטער זאָגט: וואָס איך האָב צו די דייטשן? זיי זענען געשטאַנען פאַר די שרעקלעכסטע צרות, וואָס זיי אַליין האָבן פאַרשאַפט און עס איז קיין איינציק מאָל נישט געווען, אַז עס זאָל עמיצער זאָגן: ניין, די רציחות זענען שוין ווייט דערגאַנגען, איך לייג מער קיין האַנט צו דעם צו — פאַרוואָס האָבן זיי זיך נישט אַקעגן געשטעלט? פאַר דעם ווייל זייער געשעפט וואָלט דערפון געליטן. דעם פאָלקס גוטס האָט געמוזט זיין דיסציפּלינירט. פאַרוואָס דאַרף איך אַקעגן טראָגן אויף דעם טאָג מיין פאַרצייאונג? דו האָסט מיר אונפגעקלערט, פאַר דעם גוטס פון פאָלק, פאַר דייטשלאַנדס רעטונג. האָב איך גוט פאַרשטאַנען? איך קום יעצט פון פוילן. פון אַשוויענצים בין איך געפאָרן אין די בערג. עס איז נישט ווייט — האָט מען מיר גע'עצה'ט — וועט איר זיך אויסרוען. דער בערגמאַן (גוראל) וואָס האָט געפירט מיך מיט מיין חבר אין געגענד, האָט אונז דערציילט פון דער באַנדע „פייער", וואָס האָט גראַסירט אין יענעם געגענד. ער האָט דערציילט מיט אַ קנאַפּ פאַרשטעלטן רוהם פון אַן אָנפאַל אויף דער הענגילבאַן. דעם קאָנדוקטאָר וואָס האָט נישט געוואָלט שטעלן די קליין באַן האָט מען געקעפּט מיט אַ שווערד, אַז „דאָס קעפּל זיינס איז אַראָפּגעפאַלן". דערנאָך איז די באַנדע איבערפאַלן אַ קאָאָפּעראַטיווע אין נאָענטן שטעדטל און אַנגעשיכורט זיך מיט געגנבעטן בראַנפן. די מיליצע האָט זיי געכאַפּט, צוואַנציק מענטשן, נאָר איין איינציקער „פייער" איז געבליבן. ער האָט זיך מיט דער לעצטער קויל דערשאָסן, האָט נאָך צוויי שעה געלעבט. ער האָט שכל געהאַט, דער „פייער". ער איז פאַר דער מלחמה געווען אַ פּולקאָווניק אין פּוילישן מיליטער. דער בערגמאַן וואָס האָט אונז געפירט, איז נאָך געווען אַ יונגער מאַן. דורכן חבר מיינעם האָב איך אים געפרעגט צי ער איז שוין באַווייבט. „ניין, נאָך נישט. איך וויל נישט חתונה האָבן, צו וואָס זאָל איך עמיצן פאַרדרייען דעם קאָפּ. עס וועט זיין מלחמה. אַצינד איז בלויז שטילשטאַנד. איך רעכט מיך אויף יעדן טאָג אַז מען וועט מיך רופן צו די זעלנער". אינטערעסאַנט איז אַממיינסטן וואָס ער האָט געזאָגט צום סוף: „מיר פּוילישע מענטשן גלויבן שוין נישט אין גאָט. טייל האָבן געמיינט, אַז דעם דריטן מאַי דאַרף מען שוין נישט יום־טוב האַלטן. דער טאָג איז אַ אַלטער פּוילישער יום־טוב. די נייע רעגירונג, וואָס וויל טיפער דאָס פאָלק פאַרבינדן מיטן אַרבייטער יום־טוב, האָט געהייסן דעם

ערשטן מאַי פייערן, די אָפּגענטן, וואָס האַלטן פון אַלטן יום־טוב מישן דאָ אַריין גאָט, און די פּויערים גלויבן דאָ, אַז עס איז גאָטס אַ זאַך. פינצטערע פּויערים? — ניין! די אַמעריקאַנער מאַסן האָבן נישט פיל ליכטיקער אין די קעפּ ווי זיי. ווער ווייסט אויב עס וואַרט אויף אונז נישט אין דער צוקונפט נייע אויוועגס? דער רויך איז נאָך פּריש, און איך ברויך מיך שוין צו שטופּן מיט מיין מחילה? ווען דורך מיין פּראָטעסט וועט להבא אין איינציקער דייטש נישט וועלן אויספירן די ראָלע פון יענעם קרעמער אָדער העסס, וועט מיין אויפגאַבע זיין ערליידיקט.

* * *

ווייסטו ווי האַנעמאַן רופט דיין זאַך? „דאָס אַנטרינען פון יאַסנע פּאָליאַנע!” ווען דער אַלטער טאָלסטאָי האָט שוין דער וועלט נישט געקאָנט געבן, נישט „מלחמה און שלום”, נישט „אַננאַ קאַרענינאַ”, נישט „דער טויט פון איוואַן איליטש”, אַנשטאָט די דאָזיקע קונסט־ווערק האָט ער געגעבן אַ זאַך, וואָס פּאַסט פאַר אַ צוועלף־יעריק יינגל: ער איז אַנטלאָפן פון דער היים.

## אליהו פּאַלושאַק

# בערלין — מאָסקווע — ירושלים

2

אטילאַ האָט אָנגעגורט זיינע לענדן צום קאַמף קעגן מאָסקווע און ירושלים.

וואָס איז אַזוינס געווען ירושלים פאַר אונדז, קינדער פון אַ ראַציאָנאַליסטישן צייטאַלטער? פאַר אונזערע זיידעס און טאַטעס איז ירושלים, די עיר הקדושה געווען פאַרבונדן מיט דער אַמאָליקער הערלעכקייט פון אַ יידישן קעניגרייך, בית המקדש, עולה רגל זיין, קרבנות ברענגען, שפּילן און זינגען פון די לויים, שמחת בית השואבה, און נאָך דעם צערפּאַל פון יידישער מלוכה'שאַפט — מיט דער גרויסער מיסטישער און ראָמאַנטישער בענקשאַפט נאָך משיח, דערלייזונג און אויסלייזונג פון אַ שנאַהדיקער וועלט פול מיט רציחות און פאַרפאָלגונגען.

אָבער מיר מאָדערנע מענטשן, „אָנגעשטאָפּט” מיט אַלע חכמות פון איצטצייטיקן פּראָגרעסיוויזם, האָבן אין דער עקזיסטענץ און ווייטיק פון גלות נישט געגלייבט! אונדזער גלייבן און איבערצייגונג איז געווען, אַז אין דער היינטיקער מאָדערנער וועלט איז דער גורל פון אונדזער פאָלק פאַרבונדן מיטן גורל פון די פעלקער, מיט וועלכע אַדר צווישן וועלכע מיר לעבן. אזנזערע אויפגאַבע מוז זיין זיך אַנצושליסן אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר פאַרשריט, פריהייט, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, און מיר וועלן ווערן גלייכבאַרעכטיקטע בירגער מיט דעם גלייכן אַנטייל אין אַלע מאַטעריעלע און גייסטיקע לעבנס־גיטער פון די באַטרעפנדיקע לענדער און פעלקער.



פאַר געוויסע שיכטן פונם יידישן פאָלק איז ירושלים נישט מער געווען אַ לעבעדיקער באַגריף, אַ רעאַליטעט פון דער קעגנוואַרט אָדער אויסגעטרוימטע האָפענונג פאַר דער צוקונפט.

יאָרהונדערטער איז ירושלים געווען דער שויפּלאַץ פון מחלוקות און קאַמפן. פאַר דעם אויפשטייגענדיקן איסלאַם איז אויך ירושלים געוואָרן אַ הייליקע שטאָט. אַראַבישע שבטים און הערשער האָבן געקעמפט אום איר באַזיץ. קרייץ־ציגלער האָבן אויסשטאַפירט און אונטערגענומען עקספּעדיציעס צו באַפרייען די דאָזיקע הייליקע „קריסטלעכע” שטאָט פון די הענט פון די אומגלייביקע סאַראַצענער און מוסולמאַנער. ס'איז זיי נישט געלונגען. ירושלים איז געווען און פאַרבליבן, (אויך אונטער דער הערשאַפט פון די טערקן) די וויג און מוטערשטאָט פון די דריי הויפּט־רעליגיעס אינעם אייראָפּעאישן קולטור־קרייז און דעם נאָענטן מזרח.

מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק און נאָך שפּעטער איז ירושלים געווען די רעזידענץ פונם הויך־קאָמיסאַר פונם מאַנדאַט־לאַנד פּאַלעסטינע און טראַנסיאָרדאַן, (עבר הירדן) — דאָס הויפּט־קוואַרטיר פון אינטריגעס און דיפּלאָמאַטישע קונץ־שטיקלעך, וואָס האָבן זיך געשפּונען צו אַלע הויפּשטעט פון דער אַראַבישער וועלט און דעם גאַנצן נאָענטן מזרח, וואו די בריטישע אימפּעריע האָט געהאַט איינפלוס און מאַכט, וועלכע זי האָט געוואָלט אָנהאַלטן און ווייטער אויסבויען. אין דעם דאָזיקן ירושלים האָט אַמאָל געהערשט מיט 1900 יאָר צוריק אינם נאָמען פון די רוימישע אימפּעראַטאָרן אַ שטאַטהאַלטער אָדער פּראָקוראַטאָר, וועמענס פּראַקטישע דעוויזע ס'איז געווען: טייל און הערש.

לויט דער דאָזיקער דעוויזע האָט אויך דאָרט רעגירט דער בריטישער הויך־קאָמיסאַר (היי־קאָמישיאָנער בלע"ז), אַ גוטער און געטרייער טשינאָווניק פונם לאָנדאָנער קאָלאָניאַל־אָפּיס, וואָס שפּרייט אויס זיינע נעצן איבער אַלע זיינע קאָלאָניעס, דאָמיניעס און באַזיצונגען אויף דעם גאַנצן ערד־קיילעך.

אַ גרויסער טייל פונם יידישן פאָלק האָט זייער ערנסט גענומען די הבטחות פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע וועגן שאַפן אַ יידישע נאַציאָנאַל־היים אין ארץ ישראל. פאַר דעם דאָזיקן טייל האָט ירושלים אויפגעהערט צו זיין אַ בלויזע וויזיע, חלום און ענדציל פון משיחישער בענקשאַפט. עס איז היינט נישט די צייט אָבצופּטרן דעם ציוניזם אַלס אַ קליין־בירגערלעכע נאַציאָנאַליסטישע און רעאַקציאָנערע באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַליין איינגעשפּאַנט אָדער געלאָזט איינשפּאַנען אינעם רייטוואָגן פונם אימפּעריאַליסטישן ענגלאַנד. דער פאַקט בלייבט, אַז צום טראָץ פון אַלע הינדערנישן און שטערונגען מצד ענגלאַנד און זיינע באַהאַלטענע און אָפענע משרתים אינעם נאָענטן מזרח און דער קאַטוילישער וועלט, איז צווישן ביידע מלחמות אויסגעוואַקסן אין פּאַלעסטינע אַ גרויסער אויטאָנאָמער (אויטאָנאָם נישט אינעם פּאָליטישן, נאָר אין עטנאָגראַפיש־פאָלקישן זין) יידישער ישוב מיט שטעט, דערפער און קבוצים.

אין די שטובן פון אונזערע זיידעס און טאַטעס האָט אויף די ווענט איינ־

ערשטן מאי פייערן. די אפאנענטן, וואס האלטן פון אלטן יום־טוב מישן דא אריין גאט, און די פויערים גלויבן דא, אז עס איז גאטס א זאך. פינצטערע פויערים? — ניין! די אמעריקאנער מאסן האבן נישט פיל ליכטיקער אין די קעפ ווי זיי. ווער ווייסט אויב עס ווארט אויף אונז נישט אין דער צוקונפט נייע אויוועגס? דער רויך איז נאך פריש, און איך ברויך מיך שוין צו שטופן מיט מיין מחילה? ווען דורך מיין פראטעסט וועט להבא איין איינציקער דייטש נישט וועלן אויספירן די ראלע פון יענעם קרעמער אדער הענס, וועט מיין אויפגאבע זיין ערליידיקט.

* * *

ווייסטו ווי האנעמאן רופט דיין זאך? „דאס אנטרינען פון יאסנע פאליאנע!" ווען דער אלטער טאלסטאי האט שוין דער וועלט נישט געקאנט געבן, נישט „מלחמה און שלום", נישט „אננא קארענינא", נישט „דער טויט פון איוואן איליטש", אנשטאט די דאזיקע קונסט־ווערק האט ער געגעבן א זאך, וואס פאסט פאר א צוועלף־יעריק יינגל: ער איז אנטלאפן פון דער היים.

## אליהו פאלושאק

# בערלין — מאסקווע — ירושלים

2

אטילא האט אנגעגורט זיינע לענדן צום קאמף קעגן מאסקווע און ירושלים.

וואס איז אזוינס געווען ירושלים פאר אונדז, קינדער פון א ראציאנאליסטישן צייטאלטער? פאר אונזערע זיידעס און טאטעס איז ירושלים, די עיר הקדושה געווען פארבונדן מיט דער אמאליקער הערלעכקייט פון א יידישן קעניגרייך, בית המקדש, עולה רגל זיין, קרבנות ברענגען, שפילן און זינגען פון די לויים, שמחת בית השואבה, און נאך דעם צערפאל פון יידישער מלוכה׳שאפט — מיט דער גרויסער מיסטישער און ראמאנטישער בענקשאפט נאך משיח, דערלייזונג און אויסלייזונג פון א שנאהדיקער וועלט פול מיט רציחות און פארפאלגונגען.

אבער מיר מאדערנע מענטשן, „אנגעשטאפט" מיט אלע חכמות פון איצטצייטיקן פראגרעסיוויזם, האבן אין דער עקזיסטענץ און ווייטיק פון גלות נישט געגלייבט! אונדזער גלייבן און איבערצייגונג איז געווען, אז אין דער היינטיקער מאדערנער וועלט איז דער גורל פון אונדזער פאלק פארבונדן מיטן גורל פון די פעלקער, מיט וועלכע אדר צווישן וועלכע מיר לעבן. אונזערע אויפגאבע מוז זיין זיך אנצושליסן אין דעם אלגעמיינעם קאמף פאר פארשריט, פרייהייט, דעמאקראטיע און סאציאליזם, און מיר וועלן ווערן גלייכבארעכטיקטע בירגער מיט דעם גלייכן אנטייל אין אלע מאטעריעלע און גייסטיקע לעבנס־גיטער פון די באטרעפענדיקע לענדער און פעלקער.



פאר געוויסע שיכטן פונם יידישן פאלק איז ירושלים נישט מער געווען א לעבעדיקער באגריף, א רעאליטעט פון דער קעגנווארט אדער אויסגעטרוימטע האפענונג פאר דער צוקונפט.

יארהונדערטער איז ירושלים געווען דער שויפלאץ פון מחלוקות און קאמפן. פאר דעם אויפשטייגענדיקן איסלאם איז אויך ירושלים געווארן א הייליקע שטאט. אראבישע שבטים און הערשער האבן געקעמפט אום איר באזיץ. קרייץ־ציגלער האבן אויסשטאפירט און אונטערגענומען עקספעדיציעס צו באפרייען די דאזיקע הייליקע „קריסטלעכע" שטאט פון די הענט פון די אומגלייביקע סאראצענער און מוסעלמאנער. ס׳איז זיי נישט געלונגען. ירושלים איז געווען און פארבליבן, (אויך אונטער דער הערשאפט פון די טערקן) די וויג און מוטערשטאט פון די דריי הויפט־רעליגיעס אינעם איראפעאישן קולטור־קרייז און דעם נאענטן מזרח.

מיט פינף און צוואנציק יאר צוריק און נאך שפעטער איז ירושלים געווען די רעזידענץ פונם הויך־קאמיסאר פונם מאנדאט־לאנד פאלעסטינע און טראנסיארדאן, (עבר הירדן) — דאס הויפט־קווארטיר פון אינטריגעס און דיפלאמאטישע קונץ־שטיקלעך, וואס האבן זיך געשפונען צו אלע הויפשטעט פון דער אראבישער וועלט און דעם גאנצן נאענטן מזרח, וואו די בריטישע אימפעריע האט געהאט איינפלוס און מאכט, וועלכע זי האט געוואלט אנהאלטן און ווייטער אויסבויען. אין דעם דאזיקן ירושלים האט אמאל געהערשט מיט 1900 יאר צוריק אינם נאמען פון די רוימישע אימפעראטארן א שטאטהאלטער אדער פראקוראטאר, וועמענס פראקטישע דעוויזע ס׳איז געווען: טייל און הערש.

לויט דער דאזיקער דעוויזע האט אויך דארט רעגירט דער בריטישער הויך־קאמיסאר (היי־קאמישיאנער בלע״ז), א גוטער און געטרייער טשינאווניק פונם לאנדאנער קאלאניאל־אפיס, וואס שפרייט אויס זיינע נעצן איבער אלע זיינע קאלאניעס, דאמיניעס און באזיצונגען אויף דעם גאנצן ערד־קיילעך.

א גרויסער טייל פונם יידישן פאלק האט זייער ערנסט גענומען די הבטחות פון דער באלפור־דעקלאראציע וועגן שאפן א יידישע נאציאנאל־היים אין ארץ ישראל. פאר דעם דאזיקן טייל האט ירושלים אויפגעהערט צו זיין א בלויזע וויזיע, חלום און ענדציל פון משיחישער בענקשאפט. עס איז היינט נישט די צייט אבצופטרן דעם ציוניזם אלס א קליין־בירגערלעכע נאציאנאליסטישע און רעאקציאנערע באוועגונג, וואס האט זיך אליין איינגעשפאנט אדער געלאזט איינשפאנען אינם רייטוואגן פונם אימפעריאליסטישן ענגלאנד. דער פאקט בלייבט, אז צום טראץ פון אלע הינדערנישן און שטערונגען מצד ענגלאנד און זיינע באהאלטענע און אפענע משרתים אינם נאענטן מזרח און דער קאטוילישער וועלט, איז צווישןביידע מלחמות אויסגעוואקסן אין פאלעסטינע א גרויסער אויטאנאמער (אויטאנאם נישט אינם פאליטישן, נאר אין עטנאגראפיש־פאלקישן זין) יידישער ישוב מיט שטעט, דערפער און קבוצים.

אין די שטובן פון אונזערע זיידעס און טאטעס האט אויף די ווענט אייג־

געראמט אין אַ גאָלדן רעמל געהאנגן מיט זילבערנע אותיות אויסגעקריצט אָדער גראַווירט דער פסוק: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני”. ווי אַזוי האָבן מיר דיך טאַקי געקאָנט פאַרגעסן ירושלים, און דיך אויסטוישן אָדער וועלן אויסטוישן פאַר עפּעס אַנדערש, און אונז איינרעדן, אַז דיין צייט איז פאַרביי, און אַז אַ נייע צייט זינגט אַ ניי ליד פאַר אונז?!

און אויך דער „כי מציון תצא תורה ודבר ד׳ מירושלים”. דאָס איז היינט עפּעס מער, ווי אַ תפלה פון פרומע יידן, וואָס ווערט רעגלמעסיק איבערגעחזרט אין שולן און בתי מדרשים אין שבתים און ימים טובים. דאָס איז אַ פּראָגראַם און אידייאישע לעבענס־באַגלייטונג פון אַ פאָלק, וואָס האָט געגבן און געוויזן דער וועלט דעם וועג פון זיטלעכקייט, גאָט־פאַרשטיין און גוטע מדות.

האָט דאָך אפילו אַזאַ אסימילירטע מאָדערנע דייטש־יידישע דיכטערין פונם רהיינלענדישן עלבערפעלד, עלזע לאסקער־שילער, לאנגע יאָרן פאַר דעם גרויסן אומברוך און נאַציאָנאַלן בראַך געזונגען אין איר ליד „ירושלים”:

„ווי ווינקט צו מיר דיין לעבן!
און מיט יסורים פון מיין האַרץ
איך פאַרגיי, פאַרוועלק;
פאַרגיי אין רוים פון וועלט און צייט און אייביקייט...
מיין נשמה פאַרברענט אין די אָונט־פאַרבן פון ירושלים”.*

אָבער וואָס פאַרשטייען דערפון קאָלאָניאַלע אדמיניסטראַטאָרן און פּאָליטישע ספּעקולאַנטן, די שליחים פון אַ גרויסער אימפּעריאַלער מאַכט? זיי קענען גוט אַלע כיטרע פינעסן און שפּיצלעך פון דער דיפּלאָמאַטישער אינטריגע. זייער אימפּעריע איז אויסגעשפּרייט אויף אַלע זיבן ימים און אָקעאַנען, אין מזרח און מערב, צפון און דרום — קיינמאָל גייט נישט אונטער די זון אין די שטחים פון זייערע באַזיצונגען און טעריטאָריעס. זיי, די שליחים, קענען זייערע פליכטן און פאַראַנטוואָרטונגען לגבי זייער מוטערלאַנד. „טייל און הערש”! וואָס וואָלט בעסער געהייסן: „צוטייל און רעגיר!” צושאָלט די קאָנטראַהענטן אין צוויי מחנות, נוץ אויס זייערע קעגנזאַצן און שוואַכקייטן, זאָג דעם עפּעס צו און אויך דעם צד שכנגד... אַזוי האָבן זיי געטון אין האָנקאָנג און אין מאַלאַיאַ, אין אינדיע און אין אַפריקע. און דאָס קען מען אויך טון אין פּאַלעסטינע, — שאַפן אַ דריטן כח, וואָס וועט העלפן אויסטראָגן זייערע מחלוקות און דינען זייערע אינטערעסן. דער מאַכטהאָבער וועט טון, ווי פּאָנטיוס פּילאַטוס, און אָפּוואַשן זיין שולד מיט ריינעם פרישן וואַסער.

דאָס שפּילעכל פון טיילן און הערשן איז זיי מחמת פאַרשיידענע טעמים נישט אינגאַנצן געלונגען. מיר זיינען נישט קיין „איינגעבוירענע” אָדער קאָלאָניאַל־פאָלק אָן געשיכטע און טראַדיציע. אָפּלעבעדיק איבער טויזנט יאָר צווישן די קולטור־פעלקער פונם מערב, קענען מיר אַלע טריקס און חכמות

* און זי האָט איר חלום אויסגעבענקט. זי איז אַלס זקנה געקומען צו קבורה אויפן הר הזתים.



פון טעכניק, וויסנשאַפט און דיפּלאָמאַטיע. חוץ דעם האָבן מיר נאָך די טראַגישע געשייענישן פון די לעצטע יאָרן פאַרלוירן דעם גלויבן אינם יושר און גערעכטיקייטס־געפיל פון אונזערע אייראָפּייאישע שכנים. אונזער שארית הפליטה וויל מיט זיי נישט מער צוזאַמענלעבן. זיי האָבן האָבן איין לעבענסציל: ירושלים, סימבאָל אוןווירקלעכקייט פאַר היינט און פאַר מאָרגן.

דאָס איז נישט ווילדער דזשינגאָ־פּאַטריאָטיזם אָדער שאָוויניזם. נאָר געזונטער נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין און זעלבסטווירדע.

בעסטיאַלישע האָרדעס נישט פון אַזיע און נישט פון מאָסקווע, נאָר רוצחים און קאַניבאַלן פון בערלין און מינכען, ווין און קעניגסבערג, דאַנציק, מאַגדעבורג און אַאַכען, פון האַנס זאַקסעס נירעמבערג, פונם הייליקן קעלן ביים רהיין און דער אַמאָליקער רש״י־שטאָט וואָרמס האָבן פאַרשניטן אַ דריטל פון אונזער פאָלק, האָבן מיר געגלייבט, אַז פאַר די געבליבענע רעשטלעך וועט געשאַפן ווערן אַ היים, און אַז גרויס־בריטאַניע, דאָס לאַנד פון דער באַלפור־דעקלעראַציע, וועט אין דער צייט פון אונזער גרעסטער נאַציאָנאַלער נויט אינם נאָמען פון מענטשלעכער חשיבות זיך אָפּזאָגן פון דער אַלטער שעדלעכער פּאָליטיק פון אַפּיזמענט און עפענען די טויערן פון פּאַלעסטינע פאַר די רעשטלעך פונם אייראָפּייאישן יידנטום און די אַנדערע שארית הפליטה. אָבער ניין, די ענגלענדער האָבן געשאַפן די אַראַבישע ליגע, יענעם פּאָליטישן ממזר, וואָס פּלאָנטעוועט זיך זיי צווישן די פיס, און וואָס האָט געזאָלט בילדן אַ דריטן כח ערשט קעגן אונזערע אַספּיראַציעס בנוגע ארץ ישראל און שפּעטער קעגן עפּעס אַ פּאָטענציעלן שונא. קעגן וועמען?

אין דער לעצטער מלחמה האָבן יידן גרויסעס אויפגעטון אין די אַרמייען פון די אַליִירטע, די פעלקער פון דער אַראַבישער ליגע זיינען געווען „נייטראַל” (היטלעריסטיש נייטראַל). דערפאַר זיינען זיי באַלוינט געוואָרן ערשטנס דערמיט, וואָס מען האָט זיי אַריינגענומען אַלס פולבאַרעכטיקטע מיטגלידער אין דער או״נאַ. און צווייטנס מעגן זיי אַנטיילנעמען אין דער מלחמה קעגן דעם קליינעם יידישן ישוב, בלאָקירן די אַלט־שטאָט פון ירושלים, צושטערן די ברונעמס און וואַסער־פאַרזאָרגונג פון דער שטאָט אויסהונגערן זקנים, פרויען און קינדער, וואַנדאַלירן דאָס גיגאַנטישע אויפבוי־ווערק פון צוויי דורות.

עס איז זיי נישט געלונגען און עס וועט זיי נישט געלינגען, אפילו נישט מיט דער הילף פון אונזערע „פריינט”, די ענגלישע לאָבאַריסטן.

ירושלים און דער ישוב האָבן נישט נאָכגעגעבן. זיי וועלן אויך נישט נאָכגעבן.

(המשך קומט)

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street, W.C.1

ש. ערנסט (תל אביב)

## העברעאישע דיכטער אין די רייהען פון מיליטער אין „מדינת ישראל"

די פּאָעטן קעמפן איצט מיט דער שווערט אין האנט פאַרן אויפקום פון דער יידישער מדינה.

(אַ בריף פון א"י פראַנט)

זער אָפט שטייסטו ווי פארגאפט זעענדיק ווי אַזוי מ'קעמפט איצט אין ארץ ישראל. עפּעס זיינען די יידישע קעמפער דאָ פּנים חדשות ביי אונז. נעכטיקע בטלנים און פען־מענטשן זיינען פלוצים אויסגעוואַקסן אין מיליטער־לייט און אדמיניסטראטאָרן.

און מערקווירדיק: שטעדט ווו ענגלישע טרופּען מיט גענעראל אלענבי בראש פלעגן זיך שלאָגן מאָנאַטן, זיינען איצט דעראָבערט געוואָרן פון אונזערע בחורים אין געציילטע טעג.

און די דאָזיקע העלדנטאַטן האָבן טיפע וואָרצלען אין אונזער ניי העברעאישע דיכטונג, וואָס האָט אונזער חלוצים טיף פארוואָרצלט מיט דער מאַמע־ערד אין ארץ ישראל און פאר זיי אנטפלעקט נייע האָריזאָנטען וועגן די גרעסטע נשמה פּראָבלעמען אין די יאָרן פון פריערדיקן וועלט־קריג און אין די יאָרן צווישן דער ערשטער און צווייטע וועלט־מלחמה זיינען זיי דערשינען די דאָזיקע העברעאישע דיכטער אין ארץ ישראל און יעדערער מיט זיין וועלט און מיט זיין חלום.

### יעקב קאַפּליעוויטש

זיין דעביוט אין אונזער ניי־העברעאישער ליטעראַטור איז געווען אין קריטיק. אין 6־טן זאמעלבוך „רביבים", רעדאַקטירט פון י. ח. ברענער און אין דעם חודש זשורנאל פון הסתדרות „האדמה" איז ער אַרויס מיט אַ ריי קריטישע ארטיקלען, וואָס האָבן שפּעטער באקומען אַן אָפּקלאַנג אין דוד פרישמאַנס בריף וועגן דער העברעאישער ליטעראטור.

ער האָט אָבער אויך דעביוטירט מיט אַ ציקל לידער „לבבות" אין חודש זשורנאל „מקלט", וואָס אנטציקן דעם לעזער מיטן געטאַקטן געשליפענעם וואָרט.

זייענדיק באַטריבט און פאַריאָמערט פון די וואונדן פון דער מלחמה זיינען זיינע ערשטע לידער אויסגיסונג פון אַ צעווייטאָקטער נשמה:

„ווער בין איך? אפשר בלויז אַ זעגעל־ווייס וואָס טראָגט זיך איבער תהומ'ען.

שוואַרצע וואַסערן זיי שפּרייטן זיך אויס די לענג פונם ים־התיכון.
נאַכט ווינטן זיי יאָגן —
וואוהין? ווייס איין גאָט.



פאר אונז נישט קיין הימל שיינט, נישט קיין שטערן פינקלען".

ס'איז צו שטוינען ווי נאָך פאר דעם חורבן־אוקריינע האָט דער דאָזיקער דיכטער געזען אין סוף פון פריערדיקן קריג דעם יידישן בראָך און ער האָט אויסגעדריקט דעם וויי פון ייד:

„די שומרים, זיי האָבן מיר געשלאָגן, זיי האָבן מיר פארוואונדעט. זיי האָבן אַוועקגענומען פון מיר מיין איינהיל —
די אריער פון איירָאָפּע:...

קאַפּליעוויטש איז דער טיפסטער דיכטער, וואָס זיין דיכטונג נעמט אַרום די תהומות פון לעבן און טויט און ער איז נאָך נישט אָפּגעשאצט געוואָרן ביי אונז.

### יוסף צבי רימון

אין אַן אַנדער וועלט פירט אונז אַריין דער רעליגיעזער דיכטער פון דער שטאָדט פון די מקובלים צפת, יוסף צבי רימון. אין אקארשט דערשינענעם בוך לידער „כתרים", וואָס דער פערלאג „עם עובד" האָט לעצטנס ארויסגעגעבן אין תל אביב זוכן צוויי שרייבער יעקב ראַבינאָוויטש און א. קרוב צו דערגרונטעווען דעם סוד און דעם צויבער פון זיינע לידער און ביידע שרייבער קומען צום אויספיר, אַז רימון איז דער דיכטער פון רעליגיעזן פאנטעאיזם אין דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור. ער איז דורכגעווייקט מיט אַ פאנטעאיסטישן יחוד צווישן דעם בורא און זיין וועלט, צווישן גאָט און מענש. אַ געמיש פון אר"י הקדוש מיט ברוך שפינאזא אינאיינעם.

אַ פארחלומטער דרייט זיך רימון אַרום, ווי אויפן עולם־התוהו. ער רופט זיך אָבער אויך אָפּ לויט זיין שטייגער אויף אַלע טאָג־געשייענישן אין ארץ ישראל. ער שפינט ווייטער דעם פאָדים פון די פארצייטיקע רעליגיעזע דיכטער אונזערע ר' יהודה הלוי, ר' שלמה בן גבירול און ער איז דערצו אַ זעלטענער מייסטער־שלייפער פונם וואָרט און פארמאָגט אַ שלל פון קבלה־מאָטיוועז.

זער א סך לידער זיינע זיינען אויטאָביאָגראפישע געשעענישן, ער האָט אַ טבע אַוועקצוגיין פון דער היים און פארשווינדן אויף אַ שטיק צייט און פאַרברענגען אין תפילות ביים קבר פון ר' שמעון בן יוחאי אין מירון אָדער אויפן קבר פון ר' שמעון הצדיק אין ירושלים.

### אויף קברים פון קדושים

אויף די קברים פון די קדושים בין איך מתפלל:
כ'האָב זיי ליב די קברים
אַזוי ווי כ'האָב ליב די פעלדער פון בלומען
וואָס אין זיי איז באַהאַלטן
און איך בין מתפלל פאַר גלויבן פאַר ליבע,
און ס'האָרץ איז פאַר בידען די זעלבע...

יוסף צבי רימון איז אַ נזיר — אַ פּאָעט. אין זיין נזירות קוקט ער אויף

די וועלט ווי יענער נזיר, וואָס זאָגט: הריני נזיר, הריני פזיר א.א.וו. לויטן אויסטייטש פונם מדרש: „אדם כי ימות באוהל״, אַ מענש וואָס שטאַרבט פאַר הונגער ב״אהלה של תורה״, אינם געצעלט פון דער תורה.

אַזאַ דיכטער איז נאָענט צום בעל־חי, וואָס איז אים נענטער ווי דער מענש.

„כ׳האָב ליב אַרומבלאָנקען אין פעלדער און פאַרנאַכט, אין
צייט פון רחמים האָב כ׳ליב באַגעגענען סטאַדעס אויפן וועג,
און הערן זייער בלעקן, מעקען —
מע! מע!... די גאַנצע וועלט קומט
מיר אויס דאַן תמ׳עוואַטע — מע, מע!...:

## זכריה הערשמאַן

אַ טיפּ פון אַ דיכטער אַ חריף איז זכריה הערשמאַן. שניידיק מעסערדיק אין זיין מיסטעריע „עם חשכה״ און ווי איינער אַ קדמון רעדט ער צו אונז אין זיין מיסטישע דראַמע „יצירת האדם״, וואָס איז פול מיטן פּאַטאָס פון טראַדיציע.

דער בוים פון „עץ הדעת״ איז נאָך איצט פאַר אים אין פרילינג־בלי און פון דור צו דור ווערט באַשאַפן אַ נייער מענש.

דער מלאך מיט די טויזנט אויגן ער רוימט אַריין דעם פאַרליבטן אדם ביים טויטן־בעט בעת חוה מיט קינ׳ען שטייען אַרום אים:

דו גייסט אַוועק, אדם, וועסט שוין קיינמאָל די וועלט מער נישט זען,
דו וועסט נישט זען חוה׳ס פנים און נישט דיין היים״.

— אַ טייערע חוה — זאָגט אדם צו איר — געווען אַ גאַסט אויף ד׳ערד.
נו, וואָס איז עס: א פרוזדור צום טרקלין! און אָט דער קבר ציטער — א
נייע צאַרטקייט פון עולם־הבא איך פאַרנעם.

און ווייל כ׳האָב אין לעבן אַזוי פיל געזען,
דערגרייייכט און שמייכלדיק פאַרביי —
גיי איך מיט אַזאַ פרייד דעם אייביקן גאַנג —
דאָס קבר — דאָרט רוען די מוזעס פון שירה.
זע, מיין זון הבל: צווישן די בלומען די שירה בליט.
זע: דימענטען צושאָטענע אין קרוין פון גאָט.
איך זע אַ צווייטער מענש ביזטו,
דו וועסט מיין צער פאַרשלינגען
— אַ בעסער ליד, אַ שענערן פרק —
שירה פאַר גאָט זינגען!

זכריה הערשמאַן איז דער רעליגיעזער משורר אין געדאַנקען־העפטער, וואָס גיט אונז אין זיינע מיסטעריעס און דראַמעס די שימערנדיקע וויטאַליטעט פון דער קבלה. ער שפינט ווייטער די אַמאָליקע פירושים אויף דער תורה, נאָר אַנשטאָט די גימטריאות פונם „בעל הטורים״ גיט ער אונז אַ נייעם



TOWER
HAMLETS
LIBRARIES

טייטש אויף דער געשיכטע פון „אדם וחוה״ מיטן „עץ הדעת״. זיין אַרט־שרייבן איז נענטער צו דער קבלה און חסידות און צו דער קאַבאַליסטיק פון „צירופים״ און „ספירות״.

דו געפינסט נישט ביי אים קיין איוב׳דיקע תרעומות, וואָס מאָנט גערעכטיקייט אינם סדר־העולם, נאָר גיכער איז דאָ פאַראַן אַן אויסגוס אַ השתפכות־הנפש אויף דער אומבאַהאָלפנקייט פון מענשן.

שיין און פרימיטיוו איז אדם הראשון׳ס התפעלות בעת ער האָט איבער־נאָכט באַקומען אַ ווייב:

געלייגט זיך ביינאַכט און אַ חלום אין שלאָף פאַרנומען.
ער דערוואַכט: ס׳איז נישט קיין חלום, ער זעט און דערפילט איר לייב,
דאָס קלאָרקייט, דעם ברען פון איר בלוט.
ער קוקט איר אין אירע אויגן:
אַ לויטערקייט שטראַלט פון זיי:
שוועסטער־כלה, קום עס מיין מאַט
מיט מיין האָניק, קום טרינק מיין ווין מיט מיין מילך.
עס, טרינק, באַרויש דיר — האַ־ווא חוה!
כ׳שלאָף — מיין האַרץ איז אָבער וואַך,
האַרץ! גאָט גיט מיר אַ ווייב אין שלאָף.
האָב איך אויסגעטאָן מיין העמד —
ווי אַזוי עס אָנטון?
כ׳האָב געוואַשן מיינע פיס —
ווי אַזוי זיי ווידער איינשמוצן? —

און ס׳שיינט ווידער אַ שיינע לבנה איבערן הימל: אַ שטילער ווינטל אויף בערג־קייט טוט זיך טראָגן.

און אדם שפּאַצירט שוין גאָר פריילעך און מונטער, זיין מויל זאָגט שירה —צום בורא עולם!

## יהודה קרני

דאָס לייכטע פליגלען זיך איבער די פעלדער פון יהודה און די פעלזן פון גליל העליון געפינט מען בלעטערנדיק אין די לידער פון יהודה קרני.

א. רעגעלמאַן האָט ריכטיק דעפינירט זיין א״י דיכטונג:

„דער אויפטו זיינער איז וואָס ער האָט אויפגעוואָרפן זיין גלאַטע פּאָע־זיע פון דער אָרעמער תקופה און באַשאַפן אַ שטיינערדיקע, שטעכיקע פּערז־קונסט, ענלעך צו די רויע שטיינער אַרום ירושלים און אויף די קאַקטוס פלויטן אַרום די ווייַנגערטנער אין שרון; דאָך וואַקסן אַרויס קאָליר־רייכע בלומען פון צווישן די שטיינער און דערנער״.

אַחוץ דעם וואָס קרני האָט אויפגעכאַפּט די ווידערשפּרוכן פון נייעם ארץ ישראל — אַלטע חורבות מיט נייע לעבנס־פאָרמען, ווייכע קאָרן־ערד אין מדבר, בלויער ים און רויטער זאמד, שניי פון חרמון און ברענענדיקער

כאמסין — האָט ער נאָך צוויי פּאַטעטישע שטריכן: ער איז פארליבט אין לאַנד ביז כלות־הנפש, ביז אַ באַגער זיך פולשטענדיק מקריב צו זיין, גוף און נשמה צוזאַמען.

קרני לאָזט זיינע פערזן אויסגעפורעמט ווערן פון זיינע אינערלעכע געפילן, ער מאכט זיי ניט, ווי אַנדערע, פאר אן אויסערלעכער אָרנאַמענטאַציע, אַ מין צאַצקעווען זיך מיט פראַזן.

קרני איז דערין אַן ערשטלינג אַ וועגן־ברעכער.

איך האָב אָנגעהויבן מיט קרני׳ן, ווייל ווי אַן עכטער ארץ ישראל פּאָעט, דוכט זיך מיר, איז ער אַן ערשטלינג און אַ וועגן־ברעכער, אין דעם ענין.

פון דעם ערשטן קלאסיקער, ביאַליק, טשערניכאָווסקי, שניאור און כהן, האָבן אַלע אָנגערירט ארץ ישראל. נישט נאָר אַלס אַ חלום, נאָר אויך אַלס אַ ממשות. דאָך האָט קיינער פון זיי נישט אַרויסגעצוואונגען דאָס אייגנאַרטיקע אין לאַנד, אַחוץ טשערניכאָווסקי, און דאָס אויך, נישט אין אַ דירעקטער באַשרייבונג, נאָר אין אַ ליד פון בענקעניש נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעקוקט ארץ ישראל און דערנאָך געמוזט פארלאָזן דאָס לאַנד. אין קאַלטן גלות דערמאַנט זיך טשערניכאָווסקי אַז דאָרטן, אין ארץ ישראל, בליען איצט די כלניות — די בלוט־רויטע אנעמאנע־בעכערס, — זיי וויינען אויף יעדן בערגל און אין יעדן שפּאַלט, און קיינער האָט נישט גענומען די מי אַרויסרייסן אַ בלימל, אַריינלייגן עס אין אַ קאָנווערט און צושיקן צו אים. די אַראַנזש־בלומען געבן זייער דופט. דער איילבירט־בוים, ווי זילבערנער פריסטער, רויכערט ווייַרויך צו די הימלען, און קיינער נישט, נישט אַ געליבטע, נישט אַן עסקן, וועלכער האָט מיט אים צוזאַמען געחלומט דעם חלום פון ציון, נישט אַ פּען־ברודער, אַ שרייבער, האָט אים געהאַט אין זכרון, אָפּרייסן פאר זיינעטוועגן אַן אַראַנזש־בלימל אָדער אַן איילבירט־צווייגל.

פון דעם צווייטן דור קלאסיקער האָבן זיך פיין אַריינגעלעבט אין לאַנד יעקב פיכמאַן און דוד שמעונוביץ. פיכמאַן פארנעמט דאָס אידעלסטע, דאָס אינטימסטע, צניעות׳דיקסטן ירושלים אין אָוונט־שיין, אַ באַרג־שטעגל אין לבנה־נעפּל, די בלייכקייט פון זילבער־זאַמדען ביים ים, דער אומעט פון איינזאַמע פעלזן. שמעונוביץ, ווידער, מיט אַ שטאַרקן זשורנאַליסטישן חוש, גיט איבער דאָס לעבן פון חלוציות אין ברייטע אידיליעס, מיט גראַמען און אַן גראַמען, — ער האָט אַ פלינקע האַנט צום פערז און אַ גרויסע מאַלערישע קראַפט. העלדנטאַטן פון היטער און אַרבייטער אין די אומרוען, וואָס ערשט נעכטן זיינען זיי געשטאַנען ווי נייעס אין צייטונג, ווערן פון אים גלייך אויסגעטאָקט אין שטייפע באַלאַדן. אייניקע פון די באַלאַדן זיינע, וועלן צוליב זייער פשטות אין אומיטלבאַרקייט, אייביק געשעצט ווערן אין דער העברעאישער ליטעראַטור.



רעוו. חזן א. גאטליב

## דער שליח ציבור פון דער אלטער היים

מיט דעם אָנקומען פון די ימי אלול שווימט אַרויף אויף דעם זכרון פון אַלע מזרח יידן די אינטערעסאַנטע מאָמענטן פון יענע טעג וואָס דער שליח ציבור האָט פארנומען ביי יידן אין יענע לענדער, וואו ליידער די היטלער טראַגעדיע האָט אַ סוף געמאַכט צו די צענדליקע און כמעט הונדערטער ישובים אין די לעצטע צעהן־צוועלף יאָר. ווער פון אונז געדענקט ניט די שטימונג וואָס עס פלעגט זיך פילן אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך ווען מען האָט געבענטשט דעם חודש אלול. דער יום כפור קטן פון ערב חודש וואו דער חזן פלעגט זאָגן מיט השתפכות הנפש די געקליבענע מעלאָדיעס און נוסחאות פלעגט אַרויסרופן אַ הייליקע שטימונג ביי יעדן, מען האָט געפילט דאָס אחריות וואָס יעדער ייד האָט און דאַרף נעמען אויף זיך מיט דעם אָנקומען פון יום הדין. יעדער איינציקער געדענקט נאָך ווי עס פלעגן זיך אָנפאַנגען די פּראָבן מיט די משוררים פאר די קומענדיקע ימי־נוראים. די בעלי בתים פון די פלעצער פלעגן אין די אָוונטן שטייען אונטער די פענסטער פון חזן זיך אונטערהערן דאָס איינשטודירן, און פלעגן שעפּן נחת און דאַן וואַרטן אויף דעם גרויסן מאָמענט ווען זיי וועלן ביכולת זיין הערן דאָס ערהאַבענע געזאַנג מיט די הימלישע תפילות אין די שולן. און ניט נאָר האָט דער חזן פארנומען דעם אויבן־אָן גראַדע ווען עס פלעגן קומען די ימים טובים נאָר בכלל אַ גאַנץ יאָר האָט ער פארנומען דעם וויכטיקן פּלאַץ ביי יידן אין יענע צייטן. איך גלויב אַז אַלע געדענקען נאָך ווי אין די ספירה טעג פלעגן זיך חזנים מיט משוררים זיך אַרויסלאָזן אין דער סביבה באַרייזן אַלע שטעדט און שטעדטלעך, מהנה זיין יידן מיט זייערע זיסע תפילות און געזאַנגען. א שמחה פלעגט הערשן מיט דעם אָנקומען פון די חשובע געסט די מענשן פלעגן ארויסגיין מקבל פנים זיין די געסט און יעדער איינציקער האָט געוואָלט האָבן די זכיה אַז אימיצער פון די געסט זאָל ביי אים שטייען, אויב ניט דער חזן, זאָל כאָטש אַ משורר זיין ביי אים.

די בעלי בתים פלעגן אַראָפּוואַרפן זייערע אלע וואָכנדיקע זאָרגן און מיט א פריילעכע שטימונג ארומגיין אין גאַס, וואַרטנדיק אויף דעם עונג שבת וואָס זיי וועלן האָבן. ניט נאָר יידן נאָר אַפילו ניט־יידן פלעגן קומען צום דאַווענען, און אויך דאָס זעלבע אום זונטאָג צו די מעריב קאָנצערטן וואָס פלעגן אַראַנזשירט ווערן. ביי יידן פון יענע צייטן האָט דאָס מין געזאַנג פארנומען דעם פּלאַץ פון היינטיקע להבדיל אָפּערעס און קאָנצערטן. קיין איינציקע שמחה אָדער חלילה טרויער איז מען זיך ניט באַגאַנגען אָן דעם חזן. דער חזן האָט מיט זיין פּאָזיציע אין יידישן לעבן פארנומען דעם וויכטיקן פּלאַץ און האָט מיט זיין טאַלאַנט און וואַרעמע געפילן געשפּייזט דעם יידן אין פולן גייסט. קומענדיק אין די לענדער וואו אַלעס איז אַזוי פארגליווערט און קאַלט, וואו די יום־טוב שטימונגען וואָס מען פּרובירט אַרויסרופן זיינען איבערפלעכ־

לעבע, ניט קיין אויפריכטיקע און ערנסטע, בענקט זיך געווים נאָך יענע צייטן ווען דאָס גייסטיקע לעבן ביי יידן האָט עפּעס אַ ווערט געהאַט מיט אַ זינען.

דער חזן אין די מערב לענדער איז נאָר, וואָלט איך וועלן זיך אויסדריקן, אַ מיטל צום צוועק, אויב אַפילו ניט אַ גאַנץ יאָר, אָבער ימים טובים געווים. איך וואָלט נאָר זיך ווינטשן אַז מיט דעם ענטשטייאונג פון אונזער מדינת „ישראל" זאָל אונזער גייסטיקע לעבן איבערגעבויט ווערן אויף גאַנץ אַנדערע יסודות. אונזערע תפילות און נגינות זאָלן טראָגן דעם אמתן ספּעציפישן יידישן כאַראַקטער און זיך באַפרייען פון פרעמדע השפעות. זאָלן אונזערע מקומות קדושים זיין ריין פון אינטערנאַציאָנאַלן געזאַנגען. איך גלויב אַז נאָר ארץ ישראל אונטער אַ גוטע פירערשאַפט קען דאָס דורכפירן, ווייל די גלות לענדער ניט ווילנדיק זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער פרעמדע ווירקונגען. ביים שאַפן דאָס נייע גייסטיק לעבן וואָלט איך גע׳עצה׳ט אַז זיי זאָלן פאַרבינדן דאָס אַלטע טראַדיציאָנעלע מיט אַ מאָדערנעם לבוש וועלכע זאָל אַריינברענגען דאָס התלהבות וואָס עס האָבן געפילט אונזערע עלטערן אין די אַלטע צייטן ווען זיי זיינען געקומען אין די שולן. פיל מענטשן דענקען אַז עס שטאַרבט אָפּ די אַלטע טראַדיציע. אָבער איך בין פון די וועלכע גלויבן אין כוח פון יידישן פאָלק, אין זיין הויכן גייסט מיט דער טראַדיציע פון טויזנטער יאָרן וועלכע האָט רייך געמאַכט ניט נאָר די יידישע וועלט נאָר אויך די ניט יידישע, וועט די לאָזונג פון „כי מציון תצא תורה ודבר ד׳ מירושלים" זיך ווייטער לאָזן הערן איבער דעם גאַנצן ערד קוגעל אין עתיד בקרוב, וועלכע וועט דערפרישן דאָס גייסטיקע לעבן אויף יעדן געביט, איינגעשלאָסן אויך דאָס חזנישע.

## 1. אין אנדענקען פון פּרץ הירשביין

די טרויער־ידיעה האָט אונז דערגרייכט גראַד אין שבת־נחמו, ווען דאָס פּראָגראַם פון די י. ל.ש.ב. איז געווען דאָס טראַדיציאָנעלע שבת־נחמודיקע און אינם גייסט פונם גרויסן נפטר, דעם שטרענגען עטישן־עסטעטישן טראַדיציאָנעלן קולטור־מענטש, האָבן מיר געוואָלט אויסהאַלטן די פייערלעכע טרייסט שטימונג. נישט אונטערברעכן די באַטייליקטע און דעם עולם מיט דער פלוצלומדיקער טרויער־ידיעה.

מיין פאַרטראַג, אַז נבואה איז נישט סתם אַ טרייסט־וואָרט, נאָר קענען זעען דעם צוזאַמענהאַנג פון געשעענישן און קענען קוקן דיר אין פנים אַריין, גלויבן אין אַן אַבסאָלוטער גערעכטיקייט און קענען די נאַטור צווינגען דערצו — דעם „צדיק ורע לו"! און דערקענען די זינד, און „צדוק הדין" דערזען די זיכערקייט פונם עתיד... דאָס אייביקע, דאָס אייביק ענדערדיקע אין דער נאַטור.



אונזערע נביאים ראשונים, די זעערס האָבן געזען וואונדער פון דער נאַטור. אָבער אונזערע גרויסע נביאים האָבן געטון מיט איר וואונדער. אין אונזער מאָדערנער ליטעראַטור האַלטן מיר ערשט ביים „רואה", ביים זעער — אונזערע קלאַסיקער אונזערע גרויסע פּאָעטן און פּראָזע מייסטער — — ווייטער האָב איך אָבער ניט געקענט, מיט מיין גאַנצער שטרענגקייט זיך צו האַלטן אין גייסט פונם נפטר! די נחמו־נחמו־עמי־שטימונג איז אָבער נישט צעשטערט געוואָרן, זי איז נאָר פייערלעכער און געהויבענער געוואָרן, ווען מען האָט דערמאָנט דעם נאָמען פונם גרויסן נפטר, פּרץ הירשביין דעם קלאַסיקער פון אונזער מאָדערנער דראַמע, דעם עטישן עסטעט, דעם סאָציאַלן אינדיווידואַליסט, דער זוכער אין זיך, אין קעמערל פון אייגן האַרץ.

פּרץ הירשביין אין דער יידישער דראַמע, איז שוין נישט מער קיין שוואַרץ־און ווייס־זעער, ער זעט שוין דעם אינערלעכן מענטש, אין דער „פּוסט־קרעטשמע" אונזערער דאַווענט ער שוין ביחידות און אין גרויס דבקות. זיין מאָדערנישקייט איז נישט געווען אַ טראָט ווייטער פון אונז, נאָר אַ טראָט נענטער צו זיך, און אַזוי איז ער געגאַנגען, אַ לעבן לאַנג אין זיין אייגענעם פוס־טריט, ביז ער איז צוגעקומען צו זיין מאָנומענטאַלן גרויסן ווערק „פּאַרן מבול" וואו מיר אַלע שטייען אַצינד — — איינער פון אונזערע שענסטע און וואונדערלעכסטע איז אַוועקגעגאַנגען פון אונז מיט דער שטילקייט פון אַ זונפאַרגיי און מיר שטייען געבויגן און שטיל און קוקן אים נאָך פול מיט באַוואונדערונג.

דאָס טראַדיציאָנעלע שבת נחמו־פּראָגראַם איז נישט אַדורכגעריסן געוואָרן, נאָר גאַנץ צום סוף פונם נאָכמיטאָג האָט משה עובד מיט די רירנסטע ווערטער פאַר אַ גרויסן עולם אין זאַל, מספיד געווען כהלכה דעם אַוועקגעגאַנגענעם גדול בישראל.

דאָס גלעזל טיי שפּעטער, אין אונזער לאָקאַל, איז שוין געווען גאַנץ געווידמעט די טרויעריקע ידיעה, מיט אָפּשאַצונגען און נאָכרופן נאָך דעם גרויסן נפטר.

צומאָרגנס האָב איך פאָרגעשלאָגן מאַרק מאַרקאָוו׳ן, אַז „פריינט פון יידיש לשון" צוזאַם מיט יידישן טעאַטער זאָלן פאַראַנשטאַלטן אַ גרויסן טרויער־אַנדענק און ער זאָל אויפפירן „די גרינע פעלדער" — ס׳ליגט מיר נאָך דער טעם אין מויל פון מאַרקאָווס קרעאַציע פון רבי לוי יצחקן, דעמאָלט, פון פאַר 8 יאָר צוריק, ווען מיר האָבן צוזאַמען געפייערט דעם 60 יאָריקן יובילעאום פונם גרויסן נפטר.

עס ליגט אונז פ.פ.י.ל. נישט אין דער בכורה, אַז מיר זיינען די איניציאַטאָרן, מיר קויפן זי נישט און מיר פאַרקויפן זי נישט פאַר אַ טעלער אַרבעס... עס ליגט אָבער יאָ, אַז ס׳זאָל אָנגיין יידישע קולטור־אַרבעט דאָ ביי אונז אין אָרימען ישוב, און אַז ס׳יידישע טעאַטער איז בכוח אַליין מיט אַזאַ וויכטיקער טעטיקייט ווי אָפּצוגעבן כבוד אַזאַ גרויסן פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור,

פון אונזער מאָדערנער טעאַטער — יאָ, דאָס גיט קרעדיט אַ יידישן טעאַטער, יידישע אַקטיאָרן, ס׳ליגט אָבער אויך פאַרפליכטונגען אויף להבא.

## 2. יוסף בולאָוו און ליובא קאַדיסאָן אין „יאַשקע מוזיקאַנט“

אַ באַמבאַניערקע, אַ הערלעך געמאָלן שאַכטל, מיט וואַסערקאַלירן, מאַט, זעלבסטפאַרשטענדלעך אַ ביסעלע סענטימענטאַל, און דאָס באַהנטע אַרומגעבונדענע זיידענע בענדל אַרום דער באַמבאַניערקע מיט אַ שלייפל און ראָזע... דו געניסט די באַטעמטע, אין גאָלד און זילבער געוויקלטע שאָקאָלאַדקעלעך, דו געניסט יעדע איינע, ביז די לעצטע, מיט הנאה, מיט טאַקט, מיט ליבלעכקייט, ביז דאָס הערלעך באַמאָלענע שעכטל בלייבט אַן אויסגעליידיקט שטיין אויפן טיש אונטערן שיין פון אַן אַבאַזשור־באַלויכטענעם לאָמפּ — דאָס איז „דער זינגער פון זיין טרויער“!... דאָס איז אָסיפּ דימאָוו, דער וועסט־איראָפּעאישער מזרח־ייד... קולטיווירט ביז אין די שפּיצן פון די פינגער, אָבער נישט ווייטער...

אָבער דאָך הערט מען דאָס האַרץ קלאַפּן אין זיי: טיק־טאַק, טיק טאַק! אויף דער מינוט, אויף אַ האַר... און יוסף בולאָוו האָט פון דעם מעשהלע געמאַכט „יאַשקע מוזיקאַנט“ — יידישע רעאַליטעט, יידישלעכע וואָר! דו זעסט עס, די שפּילערישע פאַנטאַזיע באַהערשט דיך, זי נעמט דיך אַריין מיט צוויי מענטשלעכע פעסטע הענט. דו ווערסט פאַרכאַפּט דערפון — ווי אַ זייגער קלאַפּט דיר דאָס האַרץ, אַרויסצושפּרינגען: דאָס יידישע פאָלקס־ליד ווערט ווירקלעכקייט, דאָס וואונדערלעכע ווערט פאַרווירקלעכט — דאָס גאַנצע שטעטל ווערט קוליסע!

יעצט ער גופא, יוסף בולאָוו. ער איז נישט קיין פאַנטאַסטישער לבנה וואַנדלער, וואָס קריכט אויף פּאַסאַדן, וואָס אַט־אַט פאַלט ער אַראָפּ פון אַזאַ וועסט־איראָפּעאישדיקן געטאַקטן קאַרניז און ברעכט הענט און פיס.

יוסף בולאָוו איז קליינשטעטלדיק רעאַליסטיש. ער שטייט מיט ביידע פיס אויף דער ערד און איז מחדש די לבנה: שלום עליכם, עליכם שלום; שלום עליכם, עליכם שלום, און ס׳גאַנצע שטעטל טאַנצט מיט שאָקלען זיך מיט: שלום עליכם — עליכם שלום! אַזוי רעאַליסטיש ווערט דאָס גאַנצע פאַנטאַסטישע שטעדטל, דאָס גלויביק־פאַרליבטע, יענץ־וועלטיקע, אַז דער קברים־וואַיאַזשאָר ווירקט ממש פאַנטאַסטיש מיט זיין גאַנצער לעבנס־רעאַליטעט, און ערשט דאָס האַזאַרד שפּיל סעמיאַנאָוויטש׳ס, און די מאַסן סצענעס.

יאָ, אַז ס׳קומט אַ גרויסער קינסטלער, באַווייזט ער נישט נאָר זיך אַליין, נאָר ער באַווייזט דעם גאַנצן אַנסאַמבל מיט זיך מיטצורייסן! דאָס איז שוין אַ סך מער ווי דעם עולם־גולם — פאַר קינסטלער מוז מען אַרויסנעמען דאָס האַרץ און עס באַווייזן, ווארים זיי ווייסן דאָך אַז ס׳איז קיין דופק ניט פאַראַן... אַ וואָרט נאָר קוים איבער פרוי קאַדיסאָן, ווייל דער פּלאַץ איז דאָס מאָל



קליין און אַ וואָרט איז אַ רענדל, און דעריבער דאָסמאָל (ס׳זאָל דאָך קומען אַ גוטע פאָלקסטימלעכע קאָמעדיע, און מאַטקע גנב פון שלום אַש, די גרינע פעלדער פון פּרץ הירשביין) בלויז איבער איר וואָרט, איבער איר יידיש.

ליובא קאַדיסאָן׳ס קול, איז שוועבנדיקער עכאָ, אין ווייטע וועלטן טראָגנדיקער ווידער־קול, יענע וועלטיק, ווי אונזערע יידישע שטעטלעך אַצינד, אויף די פליגל פונם ווינט אַוועקגעפלויגענע, מיט אַלע אונזערע איידעלסטע אינסטרומענטן; די צעריסענע סטרונעס פון יאָסלס פידל שוועבן אומעטיק אין איר קול ווי איבער יענער פאַנטאַסטישע האַרפע, וואָס הענגט אַ שפּילנדיקע אינם ווינט, ווען דער מאָרגנשטערן גייט אויף.

יאָ, דאָס קול, די פיינע דיקציע אירע, איז אויך געווען טאָן־געבנדיק אויף דער בינע, ווי אַ פיינער „טאָן געבער“ — מיטשלעפּנדיק צומאָל דעם שאָרך פון פרוי סעמינאָוויטש׳ס זיידענעם שלעפּ.

און נישט נאָר אַן אַנסאַמבל האָבן גרויסע קינסטלער דעם כוח מיטצורייסן נאָר צומאָל אַ דירעקטאָר.

אַרויסקומענדיק אין דער צווייטער פּאַזע אין פּאַיע פול מיט דער גאַנצער קאַפּעלע, אַן אַנגעלאַדענע מיט נחת ווי בערל מיטן באַס, שטייט דער דירעקטאָר אַן אַנגעבלאָזענער ווי עפּעס אַ שייקע פייפער, אָט־אָ, ווי ער וואָלט פון איוון אַרויסגעקראָכן: עפּעס ווי די גאַנצע יידישע וועלט וואָלט אים געמוזט קנס באַצאָלן, ווייל אַ יידיש טעאַטער שפּילט אויך אַמאָל עפּעס רעכטס...

מילא, קנס איז אַ יידישלעכע זאַך, אָבער זאָל מען דאָך שפּילן יידיש טעאַטער, גוט יידיש טעאַטער, אַז ס׳זאָל זיך לוינען.... — „מאַני איז נאָו אָבדזשעקט“.

## 3. די קינדער פון פּאַריז אין „די שניידערלעך“

בין איך געקומען זען אין אַלעקסאַנדער טעאַטער דאָס אויפטרעטן פון די 80 פּאַריזער קינדערלעך אַראָפּגעבראַכט קיין לאָנדאָן פונם „יידישן אַרבעטער הילף קאָמיטעט אין ענגלאַנד“ — די שארית הפליטה יתומימלעך פון אונזער צי״ש, די גרויסע קולטור דערגרייכונגען פון 20 יאָר טעטיקייט פונם יידישן האַראָפּאַשניק פון יידישן אַרבעטער אין פוילן און ליטע אויפן געביט פון וועלטלעכע דערציאונג. קודם זאָל דאָ אויסגעדריקט ווערן אַ דאַנק די פּאָר יחידים וואָס באַמיען זיך שוין דאָס צווייטע מאָל די קינדער דאָ אַהערצוברענגען, דאָ, אין אונזער העק, אין אונזער וויסטעניש וואָס איז אַפילו קיין סימן נישט מער דאָ פון אַ יידישע־וועלטלעכער דערציאונג.

די יידישע שול וואָס אין אַמעריקע נעמט זי אַרום אַזויפיל קינדער קיין עין הרע וויפיל די חדרים, תלמוד תורות און ישיבות צוזאַמענגענומען. אַ דאַנק די יוניאָנס און אַרבעטער רינגען. אויב דער יידישער אַרבעטער אין אַמעריקע האָט דאָס געקאָנט באַווייזן. דאָס אַליין איז דאָך שוין אַ באַווייז אַז יידישע שפּראַך, יידישע ליטעראַטור געהער צום נאַציאָנאַלן זכות הקיום פון אונזער פאָלק.

זעענדיק די 80 קינדערלעך אויף דער בינע אינם ליכט פון די רעפלעקטאָרס, אין ליכט פון זייער פרייד און כאָר־געזאַנגען (זאָל דאָ, צווישן די ענגע קלאַמערן, דעם טעאַטער און די דירעקציע אויסגעדריקט ווערן אַ וואַרעמער דאַנק פאַרן דערמעגלעכן די ליכטיקע פרייד) האָט אַ פינסטערער געדאַנק געעגבערט אין מיין מוח: אפשר ווייל מיר זיינען געבליבן די געשווינטע אין גאַנץ אייראָפּע האָבן מיר אפילו קיין 80 יתומימלעך אויך נישט — זיינען מיר אינגאַנצן פאַריתומ׳ט! געקוילעטע אָן אַ מעסער! אַליין זיך פאַרטיליקנדיק . . .

דאַנקען מיר דערפאַר די אַרעבעטער טוער, וואָס אין זייער געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, פאַרנעמט נאָך אַ פיצעלע פלאַץ דאָס יידישע קינד. אָבער מיר בעטן זיי, נאָכאַמאָל, אַז ס׳וועט זיי געלינגען אַהערצוברענגען קינדער אין לאָנדאָן, זאָל עס געשען מיט ווייניקער טומל און נישט מיט אַזאַ שרייערישער רעקלאַמע — עס טוט קיין צו גרויסע טובה זייער טעטיקייט און פאַר די דערציאונג פון די קינדער שוין אודאי און אודאי נישט...

זייער סצענע פון „די שניידערלעך" איז געווען פערפעקט: די ווילנער טרופּע וואָלט זיך נישט געווען געשעמט מיט דעם סטאַר! און די מאַסן־סצענע — „עמק שער און אייזן"... דאָס איז דער כוח יידיש, פון יידישן פאָלקסליד, פון יידישן פאָלקלאָר. די אָפּערע איז שוין געווען אייראָפּעאיש אין יידיש — האָט עס שוין געהאַט דעם זיבטן טעם... עס האָט געפעלט דער יידישלעכער חן, ביי די הונדערט חנען וואָס יעדעס קינד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט. און אַז מען וויל פאָרשטעלן דעם סימבאָל שניי, האָט טאַקע דאָס יידישע קינד קיין אַנדער פאָרשטעלונג נישט, נאָר פון אַ „קריסטמעס־מאַן".

מילא, אַז יידישע סאָציאַליסטן ווילן זיין אינטערנאַציאָנאַל איז עס זייער פולער רעכט. און מיר האָבן זיי קיין דעות נישט צו זאָגן. אָבער, אַז מען זאָל דאָס גאַנצע ספּעקטאַקל ענדיקן, מיט פרידריך פאָן שילערס אַ ליד, — ווי גרויס שילער זאָל נישט זיין און ווי שיין דאָס ליד זאָל נישט זיין! — מיט אָט די זעקס טוץ יתומימלעך געבליבענע פון 6.000.000 איז דאָך צו פרי פאַר אונז יידן — אפשר פאַר די אַלע סאָציאַליסטישע יוגנד „קראַפט"־סעקציעס איז עס — סקיפּיסטישע „חברשאַפט", פאַר אונז אָבער איז עס — „קראַפט"־לאָזיקייט...

## 4. צו דער פאַריזער „אונזער שטימע"

טייערע חברים פון „אונזער שטימע", עס איז מיר זער שווער צו דיסקוטירן מיט דער איינציקער צייטונג, וועלכע איך באַקום פון פאַריז (לויט ווי איך הער גייען דאָרט אַרויס פיר צייטונגען, און זשורנאַלן אַ האַלבער טוץ, קיין עין הרע,) וועלכע פאַרבינדט מיך אַ ביסעלע כאָטש מיט דעם גרעסטן יידישן ישוב אַצינד אין אייראָפּע; אָבער מיט אייער נאָטיץ אין אייער חשובער צייטונג פון 15־16טן אויגוסט אונטערן קעפּל „לשון און אמת", מוז איך זאָגן אַז עס איז אָבער דאָך נישט אינגאַנצן אמת. איר מוזט מיר מוחל זיין, וואָס איך כאַפּ אייך דערביי ביי דער האַנט — אָבער אַזוי איז עס!



עס שטייט נישט אין י. ביעטש׳ס באַריכט פון דער פאַריזער קולטור קאָנפערענץ (לויט ווי איר ציטירט מיט גענזענע־פיסלעך) „די קאָנפערענץ האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אַ געאייניקטן פראָנט..." י. ביעטש שרייבט אין זיין געדרוקט באַריכט אין אויגוסט נומער „לשון און לעבן": „אין אַלגעמיין האָט די קאָנפערענץ געטראָגן אַ כאַראַקטער" א.א.וו.

דאָס וואָרט אין „אַלגעמיין" איז אַ לאַנגער באַגריף, וואָס איז אין זיך כולל אַ נעגאַטיוו און אַ בפרט און אַ יידישלעכן צוריקגעשמועסט. און איר האָט דאָך מסתמא געלייענט אין זעלבן נומער „לשון און לעבן" נישט נאָר י. ביעטש׳ס באַריכט אַליין. אין מיין לייט־אַרטיקל האָט איר דאָך באַלד אין אָנהויב געלייענט „י. ביעטש׳ס באַריכט פון פאַריז, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן אויף אַ יידיש ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג, איז אַ באַגייסטערטער און אויך טיילוויז אַ וואַגיקער". קודם האָט זיך דאָך געמוזט וואָרפן אין אייערע אויגן מיין „טיילווייז" — אויב איר מיינט טאַקע באמת דעם אמת.

און ווען, אַפילו, מיר זאָלן אָננעמען למשל און נאָפשיקלאַד, חשובע חברים, י. ביעטש זאָל טאַקע, חלילה וחס, גאָט זאָל באַהיטן, דער טאָג זאָל נישט באַטאָגן, אַז ער זאָל טאַקע געהערן צו די אָנהענגער פונם אייראָפּעאישן קולטור קאָנפערענץ, און זיין באַגייסטערונג איז נישט נאָר געווען פון אַ פאַרנעפּלטן קאַלטן לאָנדאָנער וועלכער דערזעט מיט אַמאָל אַ ניי לעבעדיק יידיש פאַריז, איז אַ פאָרוואָרף פאַר אַ זשורנאַל, „וואָס וויל אָנגיין אַלס אומפּאַרטייאיש", ווען ער דרוקט אָפּ אַזאַ באַריכט פון אַ צווייטן צד?

אָ, טייערע חברים, איר ווייסט נאָר נישט ווי שווער ס׳איז „אָנצוגיין אַלס אומפּאַרטייאיש" אין דער אַטאָם־באָמבע עפּאָכע — אַז איבער אַזאַ קלייניקייט, רייסט איר אויף די אויגן מיט אַזאַ גרויס נאָטיץ־קעפּל....

איר פרעגט זיך צום סוף „צי דאַרף מען פאַלש אינפאָרמירן און אין וועמענס אינטערעס טוט דאָס דער פריינט ביעטש"? י. ביעטש טוט גאָר נישט לשם „אינטערעסן" — דאָס קאָנט איר זיך שוין דאָ אין לאָנדאָן איינפאָרמירן ביי אייערע אייגענע חברים.

צום שלום וויל איך אייך נישט פרעגן צומאָל אין „וועמענס אינטערעסן" איר רייסט דאָס איין די וועלט פאַרן „אמת". איך וויל אייך דאָ נאָכאַמאָל דאַנקען פאַרן צושיקן מיר אייער צייטונג, און אויב איך פאַר אויפן קאָנגרעס זייט מיר געזונט און אויב נישט זייט מיר אויך געזונט.

פ.ס.: האָט איר געלייענט די דעקלאַראַציע, בנוגע ארץ ישראל, וואָס די לאָנדאָנער יידישע סאָציאַליסטן האָבן דאָ אַרויסגעלאָזן און ווערט פאַרטיילט מיט אַ „פרומקייט" ווי, להבדל, די פּראָקלאַמאַציעס אַמאָל אין דער „אַלטער היים"? פונם בלויזן סטיל שוין ווערן אייליק די ציין, ווי דעם רשעה פון די ארבע בנים אין דער הגדה, ווייל עס פילט זיך נישט אַרויס קיין סאָציאַליזם פון דער פּראָוואָקאַציע (דעקלעראַציע עקסקיוז מי!) נאָר דאָס רשעות פון עפּעס אַ האַלב אינטעליגענטל, וועלכער וויל זיך אַרויסציען פונם יידישן כלל — ענטשולדיגט מיר די אינפאָרמאַציע!...

ש.

# פרץ מארקיש און „דער קעניג פון לאמפעדוסע"

זער חשובער פריינט רעדאַקטאָר,

איך וועל אייך זיין זער דאנקבאר, ווען איר וועט אין אייער חשובן זשורנאַל פאַרעפנטלעכן פאָלגענדעס:

אין די מאָסקווער „איניקייט" (אָרגאַן פונם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד) איז דעם 23־טן מערץ, 1948, דערשינען אַ מודעה, אַז דער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער גרייט צו די אויפפירונג פון מיין פיעסע „דער קעניג פון לאמפעדוסע" און צו מיין גרויסער איבערראַשונג — פיגורירט ניט אַלס מחבר דער שרייבער פון די שורות, נאָר פרץ מארקיש...

איך האָב מיך געווענדעט שריפטלעך צו דער פאַרוואַלטונג פונם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער און פּראָטעסטירט קעגן פרץ מארקיש'עס אויסטערלישן פלאַגיאַט פונם נאָמען פון מיין פיעסע, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ בכבוד'יקן דערפאָלג אין לאָנדאָן, ארץ ישראל, בוענאָס איירעס און אין אַנדערע לענדער.

אין די שפּעטערע נומערן פון די „איניקייט", זיינען (אפנים, אונטער די ווירקונג פון מיין פּראָטעסט) דערשינען אַנאָנסן וועגן א פיעסע „דאָקטאָר לאמפעדוסע" (אנשטאָט „דער קעניג פון לאמפעדוסע") און אלס מחבר פיגורירט ווייטער פרץ מארקיש.

איך האָב ניט געזען דעם טעקסט פון מארקיש'עס פיעסע און איך קאָן ניט אורטיילן, אויב דער אינהאַלט פון זיין „לאמפעדוסע" איז אידענטיש מיט מיין פיעסע. אָבער אַז מארקיש איז באַגאַנגען אַ באַוואוסטזיניקן פלאַגיאַט פונם נאָמען, באַשטעטיקן די פריער דערמאָנטע פאַקטן: דאָס ענדערן דעם נאָמען פון „דער קעניג פון לאמפעדוסע" אויף „דאָקטאָר לאמפעדוסע".

דאָס איז, בקיצור, דער פאַקט.

געשיכטלעך, איז דער אמת פאָלגענדער:

אין הארבסט, פונם יאָר 1943, ווען דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער אַקטיאָר און אָנפירער פונם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, שלמה מיכאָעלס, ע"ה און איציק פעפער זיינען, אַלס שלוחים פונם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט (דעמאָלט נאָך אין קובישעוו), געקומען קיין לאָנדאָן, האָב איך נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט מיין פיעסע „דער קעניג פון לאמפעדוסע" און זי פאַר געלייענט פאַר מיכאָעלס'ן. די דעמאָלט אַקטועלע מעשה־שהיה'דיקע פאַסירונג (ווי אַ יידישער פילאָט, אַ שניידערס אַ זון פונם לאָנדאָנער יידישן ווייטשעפל קווארטאל, האָט געמוזט מאכן א נויט־לאַנדונג אויף דעם איטאַליענישן אינזל פון לאמפעדוסע און דער איטאַליענישער גאַרניזאָן פון 'פיר טויזנט סאָלדאַטן און אָפיצירן האָבן אונטערגעשריבן די פולשטענדיקע קאַפּיטולאַציע צום יידישן פילאָט מיט'ן נאָמען סידני כהן,) האָט שטאַרק פאַראינטריגירט מיכאָעלס'ן און מיר געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז איך זאָל אים געבן די



פיעסע אויפצופירן אינעם יידישן מלוכה־טעאַטער און ער וועט שפּילן די ראָלע פון „כאַצקעל לאַטוטניק", דער פאָטער פונם „קעניג פון לאמפעדוסע".

אין מניעה איז אנטשטאַנען: דער צווייטער אקט (וועמענס האנדלונג קומט פאָר אויף דעם אינזל פון לאמפעדוסע), איז געווען צו שטארק „ציוניסטיש און נאַציאָנאַליסטיש". (פארגעסט ניט, עס איז געווען אין הארבסט 1943, ווען די פּאָליטישע „ליניע" אין סאָוויעט רוסלאנד און ביי די יידישע קאָמוניסטן בפרט, איז לגבי דעם ציוניזם און ארץ ישראל, געווען אַ גאָר אנדערע, ווי זי איז איצט, אין יאָר 1948).

מיכאעלס האָט מיר געמאכט אַ פאָרשלאָג, אַז איך זאָל אביסל „ענדערן" דעם צווייטן אקט און אריבערטראָגן די האנדלונג פון לאמפעדוסע קיין... ביראָ־בידזשאן. איך האָב פארשטאנען מיכאעלס'עס „מאָטיוון", אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אזא מין פשרה און אים די פיעסע ניט געגעבן.

אין חודש פעברואר, 1944 ( אונטער דעם רושם פון דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס די פיעסע האָט געהאט אינעם לאָנדאָנער יידישן טעאַטער ווו זי איז, ניט געקוקט אויף די נאַצישע באָמבאַרדירונגען געוואָרן געשפילט נאַכט־איין, נאַכט־אויס, ביי אויספארקויפטע הייזער גאנצע זיבן חדשים), האָט מיכאעלס דורך די פארמיטלונג פון דער סאָוויעטישער געזאנדשאַפט אין לאָנדאָן, מיך געבעטן, אז איך זאָל אים צושיקן די פיעסע, וואָס וועט ווערן אויפגעפירט אונטער זיין רעזשי און דער אינהאלט וועט ניט ווערן געענדערט.

איך האָב אקצעפטירט דעם פאָרשלאג און געשיקט די פיעסע דורך דעם „בריטישן קאונסיל" וועמען איך האָב אויך באַפולמעכטיקט איינצוקאַסירן פאר מיר די טאַנטיעמען (ווייל סאָוויעט רוסלאנד איז ניט קיין מיטגליד אינעם פארבאנד פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן „קאָפּירייט־רעכט).

אויף מיינע שפּעטערע בריוו צו מיכאעלס'ן, האָב איך ניט באַקומען קיין תשובה. עס איז מעגלעך, אַז מיכאעלס האָט, ביים בעסטן ווילן, ניט געקאָנט אויפפירן מיין פיעסע לויט אונזער אָפּמאַך, און דער מאנוסקריפט איז פארבליבן אינעם ארכיוו פונם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, ביז פרץ מאַרקיש האָט זיך איבער די פיעסע „מרחם" געווען און די טעמע פארוואנדן פאר זיך.

ווען פרץ מארקיש וואָלט אין דעם פאל זיך נוהג געווען לויט די כללים פון אנשטענדיקייט און אָנגעבן מיין נאָמען אלס מחבר און זיין נאָמען אלס באארבעטער פון דעם פיעסע, וואָלט איך פארשפּאָרט מפורסם צו מאכן דעם סקאנדאל אין דער עפנטלעכקייט. עס איז ניט קיין חטא צו באהאנדלען איין און די זעלבע טעמע אויף אַן אינדיווידועלן שטייגער. אָבער עס איז ניט דערלאָזבאר, אַז דער נאָמען פון דער זעלבער פיעסע זאָל ווערן מיסברויכט פאר אַ פלאגיאט, ווי דאָס האָט געטון פרץ מארקיש און ערשט נאָך מיין פּראָטעסט געענדערט דעם נאָמען פון „קעניג פון לאמפעדוסע" אויף „דאָקטאָר לאמפעדוסע".

מיט כבוד,

ש. י. דאָרפזאָן.

לאָנדאָן, דעם 10־טן אויגוסט, 1948.

## טעאַטער ידיעות

די דירעקציע פון „אַלעק. טעאַטער" האָט אָפּגעזאָגט פון זיין שטעלע דעם טעאַטראַל א. מייזעלס. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז בשעת די ראַקעטס זיינען געפאַלן אין לאָנדאָן און אַלע יידישע אַקטיאָרן האָבן גע־שפּילט אין דער ענגלישער פּראָווינץ, האָט מייזעלס חדשים לאַנג געאַרבעט און צוגעגרייט „די דריי מתנות" און געעפנט דאָס טעאַטער אין אַדלער סטריט און הגם דאָס טעאַטער האָט דאַן געענדערט זיין פּראָגראַם און געשפּילט דאָס דורכשניטס רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער, האָט מען אָבער פון צייט צו צייט אַרויסגעבראַכט קינסטלערישע אויפפירונגען און מיר האָבן געהאַט די גע־לעגנהייט צו זען אונדזער גרויסן שוישפּילער מאיר צעלניקער אין פּרעכטיקע קרעאַציעס.

נאָכדעם ווי די „יוניטעד סינאַגאָג" האָט אויסגעקויפט דעם טעאַטער, איז די טרופּע געפאָרן אין גלאַזגאָו און דאָרט האָט זיך די טרופּע געשפּאָלטן. מייזעלס, וועלכער איז געבליבן אין לאָנדאָן, האָט דורך פאַרהאַנדלונגען מיטן אַלעקס. טעאַטער, צו געגעגרייט דעם קאָנטראַקט צום אונטערשרייבן, מאיר צעלניקער האָט געזאָלט נעמען דאָס טעאַטער, ווייל די דירעקציע פון ניי יידיש טעאַטער האָט זיך אָפּגעזאָגט אויף זיך צו נעמען אַזאַ לאַסט.

דער „אַפּאָינטמענט" צום אונטערשרייבן איז געווען פעסטגעזעצט אויף פינף בייטאָג, אָבער די דירעקציע האָט זיך מקדים געווען און דעם זעלביקן טאָג צוויי אזייגער האָבן זיי אָפּגעשלאָסן דעם קאָנטראַקט. פאַרשטייט זיך, אַז דער בעל הבית פון אַלעקס. טעאַטער האָט פאַרגעצויגן די יעניקע מיט קאַפּיטאַל און אזוי איז צעלניקער אַוועק און געעפנט „גרענד פּאַליי" און מר. מאַרק מאַרקאָוו און מרס. עטא טאָפּל זיינען אריבער אין אַלעקס. טעאַטער.

די געשעפטן זיינען אוועק זער שלעכט, אָבער טראָצדעם האָט די דירעק־ציע באַאויפטראָגט מייזלען, אַז ער זאָל שאַפן אַ קאָמיטעט, כדי צו קויפן דעם טעאַטער. דאָס קאָמיטעט איז געשאַפן געוואָרן און דער טשערמאַן מר. ריפּקין, אַן ענגליש געבוירענער ייד, האָט דורך זיין ענערגישער ארבעט דורכגעפירט דעם קויף (60 טויזנט פונט), באַלד נאָכן קויף איז געקומען צו אַ מחלוקה צווישן קאָמיטעט און דער דירעקציע און די זאַך איז אַריבער אין געריכט.

אויך די שוישפּילערין, די האַרציקע שלום עליכם מאַמע קלאַרא מייזעלס איז ניט מער אין אַלעקס. טעאַטער. אין חודש יזני האָט זי אויף דער בינע צעבראָכן א פוס און איז נאָך ביז היינט אין שפּיטאָל באַהאַנדלונג.

* * *

זונטיק, דעם 12־טן סעפּטעמבער קומט פאָר אַן אָפּשיד אָוונט אין טעאַטער „גרענד פּאַליי" לכבוד א. מייזעלס און דעם אַנדערן מאָרגן פליט ער אָפּ קיין אַמעריקע צום יידישן קולטור קאָנגרעס.

א. ה.



## דיכטער-געסט ביי אונז אין ווייטשעפּל

ביי שיין געדעקטע טישן, ביי אַ גלעזל טיי אין אונזער לאָקאַל, וואָס „פריינט פון יידיש לשון" האָט איינגעאָרדענט לכבוד דעם יונגן פּאָעט לייזער אייכנראַנד פון דער שווייץ, וועלכער ווײַלט דאָ אַלס גאַסט ביי אונז אין לאָנ־דאָן, האָט זיך פאַרזאַמלט אַן אָנגעזעענער עולם, שרייבער און ליבהאָבער פון יידישן וואָרט.

דעם פאָרזיץ האָט געפירט דער באַקאַנטער דיכטער משה עובד (פּרעזי־דענט פון „פריינט פון יידיש לשון") וועלכער האָט פאָרגעשטעלט דעם יונגן פּאָעט מיט וואַרימע ווערטער און איינגעלאַדן אים צו לייענען עפּעס פון זיי־נע לידער.

אייכנראַנד איז פאַר אונז דאָ אַ פּנים חדשות און מיטן לייענען פון זיינע לידער האָבן מיר געהאַט פאַר זיך אַ שיינעם און קרעפטיקן דיכטער.

מיט באַגריסונגען לכבוד דעם חשובן גאַסט. האָבן צווישן אַנדערע זיך באַטייליקט די דיכטער און שרייבער ס. פּאַלמע, י. ביעטש, א. נ. שטענצל, מ. חסיד, וואָס ווײַלט איצט אין לאָנדאָן אַלס קאַנדידאַט פון שוועדן צום קולטור קאָנגרעס אין אַמעריקע, וועלכער איז וואַרעם אויפגענומען פון פ.פ. י. ל. און קאָלעגן.

די צוויי געסט, חסיד און אייכנראַנד, האָבן זיך אויך מיט־באַטייליקט אין דעם זעלבן שבת אין אונזער גרויסן זאַל ביי די יידישע ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס וואָס איז געווען געווידמעט דעם 60־טן געבוירן־טאָג פון אונזער גרויסער דיכטער א. לייוויק.

דער שבת איז געווען אַ פייערלעכער און געהויבענער. אונזערע חשובע געסט האָבן מיט זייער באַטייליגן זיך באַשיינט די יובילייאום שמחה.

מיר זאָגן דעם דיכטער חסיד, וואָס איז נישט מער ביי אונז קיין פּנים חדשות, וועלכער האָט זיך פּלוצים ביי אונז באַוויזן אין ווייטשעפּל אַ האַרציקן ברוך הבא און אַ צאתכם לשלום און דעם יונגן דיכטער לייזער אייכנראַנד האָפן מיר אַז ער וועט דאָ פילן גוט מיט אונז און מיט זיך מיטנעמען די בעסטע געפילן.

**א.ב.**

## אַן אוונט פון יידישן הומאָר און געלעכטער

אונזערע באַקאַנטע שוישפּילער, יצחק קרעלמאַן, דאַרא קרעלמאַן און הע־רי אריעל וועלן דאָנערשטאָג דעם 16־טן סעפּטעמבער אום 7.30 אין אָוונט. אין „פרענדס הויז", יוסטאָן רויד, נ.וו.1., אויפטרעטן „מיט אַ רייכן און פאַר־שידנאַרטיקן פּראָגראַם", נאָך אַן איבעררייס פון 5 חדשים.

מיר גדענקען נאך די קינסטלער ביי זייער אנקומען דא אהער, — פון די עסטרייכישע קעמפס, פון פוילן, פון סאוויעט רוסלאנד, וואו זיי האבן די אלע יארן געשפילט יידיש טעאטער — ווען זיי האבן אונז איבערראשט מיט זייער וואונדערלעכן „הערשעלע אסטראפאלער” פון גערשענזאנען און מיט דער נייער און פראכטפולער אויפפאסונג פון שלום-עליכמס „דער בלוטיקער שפאס”.

דער טעם ליגט אונז נאך אין מויל פון זייער צוזאמענשפיל אין א מענדעל סצענע פון „בנימין השלישי” אויף אן אונט פון „פריינט פון יידיש לשון” — זיי האבן באוויזן אז זיי זיינען קינסטלער מיט פארמאט, אין אט דער קליינער פיטשעדיקער סצענעלע!

פרייען מיר זיך אז אונטערן פעטראנאט פון „פריינט יידיש לשון” וועלן יעצט די קינסטלער האבן די מעגלעכקייט זיך צו באווייזן אין דעם זאל פון „פרענדס האוז” פאר א גרויסן עולם. מיר פרייען זיך צו זען די אקטיארן אין סצענעס פון אונזערע קלאסיקער, און גאר באזונדערס צו הערן דערביי דארא קרעלמאן זינגען די באחנטע יידישע פאלקס לידער.

ס'איז צו האפן, אז אונזערע אלע פריינט, ליבהאבער פון יידישן קינסטלערישן ווארט וועלן זיך נאטירן דעם דאטום — דעם 16־טן סעפטעמבער, אום 7.30 אין אונט.

א.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנארד באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, — 3 אזייגער)

שבת דעם 4־טן סעפטעמבער — דר. מייטליס און י. ריכטיגער.

שבת דעם 11־טן: דער יידישער וועלט קולטור קאנגרעס אין אמעריקע.

שבת דעם 18־טן: מ. קאץ וועגן דאס יידישע לעבן יעצט אין בעלגיע. די יידישע סאציאליסטישע יוגנט־סעקציע פון זייער עקסקורסיע אין בעלגיע.

שבת דעם 25־טן: עלעק וואטערמאן איבער זיין נסיעה אין סאוויעט רוסלאנד.

## שיקט לשנה טובה באגריסונגען פאר די קומנדיקע נומערן



## א הארציקן מזל טוב

פאר אונזער איינציקע טאכטער העלא און איידעם דזשא רייכמאן, צום געבוירן פון זייער ערשטן טאכטערל, אונזער אייניקל.

מיר זאלן דערלעבן פיל נחת.

איזיק גאלדבערג און פרוי ציביה.

---

דער קאמיטעט פון פריינט פון יידיש לשון ווינשט א הארציקן מזל טוב זייער קאמיטעט מיטגליד איזיק גאלדבערג און פרוי צום געבוירן פון ערשטן טאכטערל פון זיין איינציקער טאכטער און איידעם.

---

## טרויער אויסדרוק

צום פלוצלונגן טויט פון אונזער מיטגליד בערנארד לאזארוס, פון וועמבלי פארק, דריקן מיר אויס א הארציקן מיטגעפיל פאר די איבערגעבליבענע פרוי און קינדער.

„פריינט פון יידיש לשון”.

---

## אונזער טיפער מיטלייד

צו קאלעגע א. מ. קייזער צום טויט פון זיין ברודער־זון נח מאזעס־קייזער, וועלכער איז געפאלען ווי א סאלדאט אין דער שלאכט פאר ישראל.

**לשון און לעבן**

---

אין אלע ענינים, אנפראגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף די פאלגנדיקע אדרעס:

E. Paluszak, 64 Lauriston Road, Hackney, London, E.9.

די באקאנטע און באליבטע שוישפילער

דארא קרעלמאן יצחק קרעלמאן הארדי אריעל

גרויסן קאנצערט

אַן אוונט פון יידישן הומאָר און געלעכטער

זע זייטע 63־64



## געזוכט קרובים

איך זוך מיין שוועסטער יענטע, שוואָגער יורעל און קינדער, גאָלדין, זיי האָבן געוואוינט אין וואָלקאָוויסק, ליטע. דאָס לעצטע מאָל האָב איך גע־הערט פון זיי אין 1938. זיי זיינען גע־ווען בעקערס. ווער עס ווייסט פון זיי אָדער זיי אַליין זאָלן זיך מעלדן צו:
Mr. N. Levenson, 6, St. Mary's Road, Leeds.



דער
פלאַץ
איז
רעזערווירט
פאַר
י. ביעטש.



By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 6401.



„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מאָררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cowell St., London, E.1*


# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

ניינטער יאָרגאַנג נ. 10 **העפט 105** אָקטאָבער 1948 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


שטיקלעך פון אַ סך־הכל .......... ** 1
רבי אמנון (ראש־השנה־באַלאַדע) .......... יוסף הלל לעווי 5
מער נישט צוריקגעקומען (דערציילונג) .......... י. ביעטש 12
משיח׳ס נסיעות און נסיונות (קאַפּיטל 3, איוב אויף דעם
יושר באַרג) .......... משה עובד 20
דריי זעלנערישע ברייטלעך (דערציילונג) .......... משה דלוזשנאָווסקי 27
דער מענטש (ליד) .......... לייזער איכענראַנד 33
דער לאָנדאָנער בעל מפטיר אָדער אָפּגענאַרט אַ טאַטן
פאַר ראש השנה .......... מאַרקס קאָהען 34
„בני אדם יושבי חושך וצלמות", אין כל־נדרי־שעה,
אָלימפּיוס (לידער) .......... א. נ. שטענצל 37
ווען ל. שאַפּיראָ איז געווען אין לאָנדאָן .......... אהרן ר. ראָלין 41
" " " (ליד) .......... ל. שאַפּיראָ 45
די פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור
(פון אַ רעפעראַט אויפן פּאַריזער קאָנגרעס) .......... לעאָ קעניג 47
די קאַטאַסטראָפע יאָרן ת״ח ות״ט (המשך) .......... ד״ר יעקב י. מייטליס 50
דאָס איצטיקע יידישע לעבן אין בעלגיען .......... מאָרים קאַץ 53
בערלין — מאָסקווע — ירושלים (המשך) .......... אליהו פאָלושאָק 59
קאָנפערענץ און קאָנגרעס .......... א. וואַסטערמאַן 63
אין שפּיגל פון יידישן לעבן אין וויַיטן דרום־אַפריקע
(בילדער קוריאָזן און כאַראַקטער־פּאַרצייכנונגען) .. הערש שישלער 65
געזאַמלטע ציטאַטן בנוגע דעם יידישן וועלט קאָנגרעס .. יוסף פרענקל 69
גיכער אַ ווידוי פון אַ מענטש אידער אַ התנצלות פון אַ מחבר .......... ש. 73
קולטור ידיעות פון לאָנדאָן .......... 78
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס .......... 80



**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אַבאָנענטס־פּרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר
1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.